25¢

# געצעלטן

דריי־מאָנאַט־שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור־ענינים

12־11

צווייטער יאָרגאַנג

אָקט.־דעצ.

$1.50 א יאָר

פרייז 50 סענט

אינהאַלט:

וועגן יעקב גלאַטשטיין:

חיים גראַדע, א. סוצקעווער, ש. קאַ־טשערגינסקי — — — באַגריסונג

פאָטאָגראַפיע — — — יונג־ווילניאַנער

I י. י. סיגאַל — — — — — עסיי

II ב. אַלקוויט — — — — — — עסיי

III אליעזר גרינבערג — — — — — עסיי

א. ש. שקאָלניקאָוו — — — —לידער צו י. גלאַטשטיין און י. י. סיגאַל

א. ש. — — רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן

חיים גראַדע — — — — — — זיבן לידער

ש. קאַטשערגינסקי — — ניט קיין חלום

חיים ראָבינזאָן — — — — — פיר לידער

אַריה שמרי — — — — — זעקס לידער

שלמה שוואַרץ — — — — — צוויי לידער

שאול מאַלין — דער בלאָער וואַנדערער

דר. רפאל מאַהלער — העברעאישע פאָלקסאַלמאַנאַכן

דר. מאַרקווישניצער — וועגן שאול גינזבורג

אליהו שולמאַן —ליטעראַטור און געזעל־שאַפטלעכקייט

"GETSELTN," a Quarterly Yiddish Review, Edited by Eliezer Greenberg and Elias Schulman. Vol. 2. No. 11-12, Oct.-Dec., 1946. Annual Subscription $1.50. Address: Getseltn, c/o E. Greenberg, 324 E. 15th St., New York 3.

# גנעצעטן

דריי מאָנאַט־שריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור־ענינים

רעדאַקציע:

**אליעזר גרינבערג :: אליהו שולמאַן**

נומער 11־12, צווייטער יאָרגאַנג, ניו־יאָרק אָקטאָבער־דעצעמבער, 1946.


לאָדזש, דעם [illegible] אויגוסט 1946

טייערער [illegible] און ליבער פריינד גלאַטשטיין

מיר, די [illegible] פון דער [illegible] באַגריסן אייך מיט דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט און [illegible] אייער [illegible] יובל! [illegible] צו אייער [illegible]

מיר שאַצן אויך אייער [illegible] און אייער [illegible] ליטעראַטור: [illegible] און [illegible] פון דער ייִדישער קולטור.

[illegible]

חיים גראַדע

ש. קאַטשערגינסקי

א. סוצקעווער

פאַקסימילע פון אַ באַגריסונג וואָס די דיכטער חיים גראַדע, א. סוצקעווער און ש. קאַטשערגינסקי האָבן צוגעשיקט לכבוד יעקב גלאַטשטיינ׳ס יובל.



גרופּע „יונג־ווילנע"

I

י. י. סיגאַל

# יעקב גלאַטשטיין

(צו זיין 50טן יובל)

גאָר ווייניק דיכטער אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור איז באַשערט געווען אָנצוגיסן דעם אינהאַלט און די פאָרם פונעם יידישן ליד מיט נייעם מעטאַל. גלאַטשטיין איז פון די סאַמע ווינציקסטע און געציילטסטע, וואָס אים איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע און שווערע אַרבעט און אַ שליחות. אַ ליטעראַטור וואַקסט און צעוואַקסט זיך און קאָן, אַזוי וואַקסנדיק, אַמאָל אַוועקוואַקסן „אין סטויפ אַריין" ווי דאָס פאָלק זאָגט. קומען צוגיין אַזעלכע פּאָעטן און וואָרט־קינסטלער ווי יעקב גלאַטשטיין און מאַכן אַ שטילע און טיפע רעוויזיע און דיזאָזיקע רעוויזיע האָט גאָר אין תוך נישט צו טאָן מיט וועלכע ס'איז ריכטונג אָדער שולע־דעקלאַראַציע, וואָס ברענגט אַ צעטל נייע כללים און קרעדאָס. דער אַני מאַמין איז אַ טיף אָרגאַנישער, אַ סך מער ווי אַ באַוואוסטזיניקער. ווי באַוואוסטזיניק אַ מענטש זאָל נישט זיין, וויפיל גייסטיקע און

# געצעלטן

קולטור עשירות ער זאָל נישט פאַרמאָגן און אין וויפיל גאָלדענער, שעפערישער ענערגיע דידאָזיקע רייכקייט זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן, איז נאָך אַלץ דאָס ערדישע, דאָס אָרגאַנישע, וואָס האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין באַשטימטע אויסדריקלעכקייט אָדער געשטאַלט, אַ סך אַ טיפער פאַרמעגן און ליגט ערגיץ אין דעם יסוד פון דעם מענטשן, ווי אַן אייביקער רעזערוואואַר וואָס שטעלט צו ברענשטאָף און ליכט, און פייער צום אויבערשטן קעמערל פונעם באַוואוסטזיין עס זאָל „לייכטן און ברענען”. ווי מאָדנע דאָס זאָל עמיצן נישט קלינגען, מוז מען דאָס פאָרט אַרויסזאָגן, אַז יעקב גלאַטשטיין, דער אַזוי אַלעמען באַקאַנטער אינטעלעקטועלער וואָרט קינסטלער, וואָס קאָן טאָן מיטן וואָרט וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט — אַז דערדאָזיקער דורך און דורך באַוואוסטזיניקער קינסטלער איז גוואַלטיק גרויס און שטאַרק און שעפעריש־רייך אין טיפע אינטואיטיווע כוחות, וואָס גייען אָפטמאָל אַריבער זיין באַוואוסטזיניקן פאַרנעם און דער לאַבאָראַטאָרישער אַרבעט און אויף זיין ליד.

אין דעם ליגט די גרעסטע און די זיכערסטע עשירות זיינע. דאָס מאַכט זיין וואָרט וואָגיק און אמתדיק און לאָזט די חכמה און די דערפאַרונג פון זיין באַוואוסטזיין נישט אַריבערחנפען זיך צופיל. ביי גלאַטשטיינען היט אָפטמאָל אָפ די אינטואיציע דעם באַוואוסטזיין און אין דעם ליגט אפשר מער כוח ווי אין אַלע וואונדערלעכע וואונדערמיטלען, מיט וועלכע גלאַטשטיין אַרבעט איבערן איינציקן וואָרט, ווי אַ יחידישער כוח און איבער דער שורה ווי אַ שעפערישע סובסטאַנץ, ווי אַן אידיאָמאַטישע איינהייט וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן און אים צוגעטראָגן, דעם פאָעט, גרייט און פאַרטיק. און ווי דער פאָעט זאָל זיך נישט בריהן, זאָל זיך נישט קינסטלערן און כישופן, מוז ער נאָכגיין נאָך דעם געזעץ פונעם זאַץ, ווי דאָס פאָלק האָט אים אויסגעאַרבעט. אָבער אויך ביי דעם פעסטבאַשטימטן זאַץ און שורה, וואָס איז אויסגעפאַרטיקט און אויסגעקיילעכט געוואָרן דורך לאַנגע דורות אין פאָלקס מויל און אין פאָלקס מחשבה, — אויך ביים אידיאָם זע איך אָפטמאָל שטיין גלאַטשטיינען אין אַ נאָכשפירנדיקער „פאָזע” און מיט אַ פאָרשעריש אויג זוכט ער און נישטערט דאָרט צו כאַפן דעם פאָלקס האַנט און דעם פאָלקס געדאַנק ביי אַ שוואַכן פונקט, ביי אַ בלויז, ביי אַן איבערגעלאָזטער שפאַרע ערגעץ. און אַז ער כאַפט דאָס אָרט, וואו דאָס אויג פון פאָלק האָט עפעס פאַרזען, כאַפט ער זיך אַריין אין סאַמע תוך פון דעם פסוק און נעמט אים איבערשטעלן און איבערברעכן פון אינעווייניק. אַ געראַנגל פון כוחות, פון ווילנס קומט פאָר און גלאַטשטיין געווינט כמעט שטענדיק. ער געווינט, ווייל ער איז מתקן, ווייל ער פאַרגאַנצט, ווייל ער פאַרריכט, ווייל ער ריכט־אויף און דערהויבט און דערפירט אָפט ווייטער, צו ווייטערדיקער שפראַך־שלימות פונוואַנען אַ דור אַ גאַנצער האָט אויפגעהערט, האָט זיך אָפגעשטעלט און געוואַרט אויף הילף.

# געצעלטן

אין זין פון שפּראַך, שפּראַכלעכקייט גופא, האָט זיך יידיש אַזוי אַרויפגעגאַרנט דורך גלאַטשטיינס גרויסער שפּראַך־אינטואיציע, אַז מיר וועלן דאָס ערשט ריכטיק קאָנען אָפּשאַצן און באַנעמען מיט דורות שפּעטער. ער איז שוין גאָר נישט קיין שפּראַך־שפּילער לשם לשון, נאָר אַ גרויסער אינסטרומענטירער פון ווערטער און אַן אַנטפּלעקער פון קולות, וואָס זיינען ביז אים געלעגן טונקל־פאַרבאָרגן אין דער פּאַטענץ פון זילבן און אותיות. ער שפּילט־פאַנאַנדער נייע מעגלעכקייטן אינעם יידישן וואָרט, ער זינגט־פאַנאַנדער און זאָגט־פאַנאַנדער דעם דיבור היידיש מיט אַזויפיל חידוש און חיותדיקער באַטעמטקייט, אַז אָפּטמאָל טוט מיר נאָר באַנג וואָס אונדזערע ערשטע גרויסמייסטער פון יידיש, מענדעלע און שלום עליכם, האָבן נישט דערלעבט אַ וויטערע עלטער און זוכה־געווען צו זיין דערביי, צו זען און הערן, אויף וואָס פאַר אַ ברייטן און אין וואָס פאַר אַ טיפן וועג זייער אַן אור־אייניקל האָט אַוועקגעפירט און אַרויפגעפירט זייער ניי־געשאַפן ליטעראַטור־לשון. וויפיל נחת זיי וואָלטן דערפון געקליבן. וויפיל פאַרשטאַרקונג עס וואָלט זיך אַריינגעקליבן אין זייער געמיט צו גלויבן, אַז דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, איז נאָך געווען אַ סך מער ווי זיי אַליין האָבן אין שענסטן חלום זיך פאָרגעשטעלט. זיי וואָלטן געזען, געהאַט דעם נחת צו זען, אַז די גאָבן און מתנות וואָס דאָס שעפערישע לשון שענקט ביד רחבה אירע געבענטשטע, ווערן צוריקגעצאָלט מער וי כפל כפלים. זיי וואָלטן דערשפּירט, אַז דער אויפטו פון גלאַטשטיינען איז כמעט אַ ניי אונטערגעשטעלטער יסוד פאַר יידיש וואָס רופט אַרויס קוראַזש און מוט און גרויסווילן מיט אַ נייעם אויפגעפרישטן גלויבן וויטער בויען די ליטעראַטור.

יאָ, פון יעקב גלאַטשטיינס קנסטלערישער און שעפערישער אַרבעט שפּריצט און שפּראָצט מיט גרויסמוטיקייט פאַר אונדז אַלעמען וואָס באַקומען אָפּט „שטיינער אין די אַרבל” און די הענט לאָזן זיך אונדז אַרונטער אין יאוש. אַ שאַרף בליציק אויג גליט און שיינט אַרויס פון יעדן ליד גלאַטשטיינס און זאָגט אָן, אַז אונדז שטייט פאַר נאָך גאָר אַ סך נייע אַנטפּלעקונגען אין אונדזער לשון, אין וועלכן עס האָבן זיך באַהאַלטן טויזנטער נישט־דערטראַכטקייטן אין דער מחשבה פון פאָלק און מיר דאַרפן מיט אונדזערע אַלץ נייע און נייערע אָנהייבן דידאַזיקע נישט־דערטראַכטקייטן פאַרענדיקן; מיר דאַרפן זיי ממשיך זיין; מיר דאַרפן זיי אַריבערפירן די גרעניץ פון איין דור צום צווייטן, פון איין תקופה צו דער אַנדערער. ווי אונטער שטיינער ,ליגן פאַרבאָרגענע אוצרות פון פריער און דער געבענטשטער און דער מזלדיקער דערקענט מיט זיינע חושעם וואו די סודות ליגן פאַרבאָרגן, קומט ער, הויבט אויף דאָר פריער אוממעגלעכע, ווי אַ שווערן שטיין און פאַרכישופט אונדז מיטן בלישטש און בלענד פון זיינע אַנטפּלעקונגען.

וועט ערשט דאָס קאַפּיטל „ווען גלאַטשטיין איז געקומען אין

# גע צ על טן

אונדזער ליטעראַטור״ אַ סך שפּעטער געשריבן ווערן, ווייל איך האַלט אַז מען איז נאָך מיט גלאַטשטיינס אויפטואונגען נישט גענוג היימיש־אינטים געוואָרן און ווען מיר יובלען איצט זיין פופציקיאָריקייט, הויבן מיר ערשט אָן דערשפּירן דעם גרויסן תושב אין מושב פון אונדזער לעבעדיקער ליטעראַטור. מען דאַרף זיך אַנדערש צוגרייטן, ווען מען וויל אַרומנעמען גאַנץ גלאַטשטיין און דאָ גייט גאָר ניט אינגאַנצן אין דעם כמות, וויפיל גלאַטשטיין האָט שוין ביז איצט געשאַפן. די צאָל פון זיינע פּאָעטישע ווערק זיינען גאַנץ היבש און אויך זיינע פּראָזע־ווערק שטייען נישט אָפּ פון זיינע לידער־ביכער. דערביי וויל איך אינגאַנצן אָפּוואַרפן די מסכנה פון די וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַריבערצוהויבן גלאַטשטיינס פּראָזע איבער זיין פּאָעזיע. ס׳איז לחלוטין נישט אמת. ביי מיר שטייען זיי ביידע אויף איין הויך און מדרגה און ביידע זיינען ביי מיר — איין גאַנצער גלאַטשטיין.

מיט מיין איצטיקן שרייבן בין איך נאָר אויסן, ווי אַ מין הקדמה פאַר ווייטערדיקער אַרבעט איבער גלאַטשטיינס ווערק, פאַר זיך קלאָר מאַכן דעם גרויסן שפּרונג און אַריבערשפּרונג, דעם קפיצת הדרך, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט געמאַכט מיט גלאַטשטיינס כוח און כוחות. וויפיל מי ער האָט פאַרשפּאָרט פאַר די שפּעטערדיקע, די קומענדיקע וואָרטשאַפער אין יידיש, וואָס וועלן זיך שוין קאָנען פאַרגינען אַריבער־פאָרן און איבערהיפּן אַ סך קליינע „סטאַנציעס״ און דערפירן אונדזער ליטעראַטור צו גאָר ווייטע דערגרייכונגען. און דאָס וואָס גלאַטשטיין האָט ביי אונדז אויפגעטאָן איז געווען ממש אַ נויט. ער האָט אַנטפּלעקט אַן אינערלעך פעלד, ער האָט אויפגעדעקט אַ נייע קינסטלערישע טיף, אין וועלכער אונדזער ליטעראַטור וועט קאָנען פלאַסטערן נייע רחבותן פון אויסדרוק און שילדערונג. נייע מיטלען, נייע מכשירים. וואָס פאַר אַ שטאַרקע פרייד עס רופט אַרויס עפּעס אַ ניי געצייג ביי די, וואָס אַרבעטן אויפן פעלד פון עקזאַקטער וויסנשאַפטלעכקייט. ביי אונדז, אין דער ליטעראַטור וואָלט אַזאַ צופרידנקייט נאָך געדאַרפט זיין שטאַר־קער. איך זע אַפילו דעם וועג וואָס איז אויפגעשניטן־אויפגעעפנט גע־וואָרן אין אונדזער ליטעראַטור דורך גלאַטשטיינען, וואָס מוז פירן דירעקט צו דער נייער אַמעריקאַניש־יידישער יוגנט, וואָס איז אַזוי ווייט אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון אונדז און פון אַלץ וואָס מיר האָבן געשאַפן און שאַפן ביז איצט. און דאָס איז נישט בלויז דער גרויסשטאָטישער זשעסט, דער גרויסוועלטישער טאָן אין גלאַטשטיינס שאַפן, נאָר — דער דער גרויסיידישער רגש, דאָס טיף־יידישע געפיל וואָס מוז אויפרודערן און צערודערן און צוריק צו־זיך ברענגען דעם אָפּגעפרעמדטן און אָפּגע־שטאַנענעם פון דעם אַלט־דורותדיקן, ניי־דורותדיקן יידישן לעבן. נישט אומזיסט גראָבט גלאַטשטיינס יידיש־וואָרט אַזוי וואָרצלדיק־טיף, ווייל אויך אין לשון איז ביי אונדז לעצטנס אַביסל בלייך־פאַרפלאַכט גע־

# געצעלטן

וואָרן, און אויך אידייאיש האָט גלאַטשטיין אַ פלאַטער געטאָן היבש הויך און העכער. ער האָט צוריק צונויפגעגאָסן דעם נעכטן, דעם הײַנט און דעם מאָרגן אויף איין אַסיפה און האַלט מיט זיי אָפּ אַ ביסל אַ געהיימע באַראַטונג . . . וועגן אונדזער אומהיימלעכן, אימהדיקן מצב אויף דער טמא געוואָרענער וועלט. די גאַנצע יידישע אייביקייט אויף איין אָרט, ווײַל עס איז שעת חירום. הערט זיך איין אין די דינעסטרונעדיקע טענער פון זייַנע יידישע געזאַנגען און דורך זייער גאָרער רעאַליסטישער בכיוונדיקער פּראָזאַאישקייט גייט דורך אַ סודותדיקע פּיבערישקייט. די שורהס הויבן אויף אַ טומל, אַ טענה און מיטאַמאָל כאַפּן זיי זיך צוריק אין ווינקלדיקער געהיימער, סודותדיקער שטילקייט. אינמיטן אַ גרויס, אָפן אָרט, וואו גלאַטשטיינס אַ פּאָעמע פירט אַ וויכוח מיט וועלט און גאָט, טוען זיך עפּעס אַ רוק־אַוועק עטלעכע וואונדערלעך־לירישע שורהלעך פון דעם ליד און בלייבן שטיין ביים זייט, ווי ביים ברעג פון דער וועלט ערגעץ און הערן זיך איין צו עפּעס אַ ליכטיקער בשורה, וואָס שאַלט אַריבער די בהלה פון פּונעם הײַנט, נאָר מיר קאָנען איר נאָך נישט דערהערן.

אין דער שיינקייט פון גלאַטשטיינס פּאָעטישן טאָן איז פאַראַן אַן אָנזאָג פון עפּעס זייער גוטס און חסידימדיקס. אָן דערדאָזיקער הערלעכקייט, וואָס איז די הערלעכקייט פון אַ פאָראויסגעפילטער נייער פרייד, וואָלטן גלאַטשטיינס לידער נישט געווירקט אויף אונדז אַזוי שטאַרק. דער מענטש, דער באַטראָפענער יידישער מענטש קלאָגט אָן מיט אַ בייזער וואָרענונג דער וועלט. דאָס פּאָעטישע, דאָס נביאישע, דאָס געלייטערטע און דאָס קינסטלעריש־אידעלע — זאָגט עפּעס אָן און פאַרטרויט. אין „אַ גוטע נאַכט, וועלט" איז דער אַרויסוועג, דער אויסוועג — דער שטילער שאָטן פונעם „קעראָסין־לאָמפּ", דאָס פאַרשאָטנט, פאַרסודעטע ליכט וואָס האָט געשטילט די יסורים פון דורות יידן, געהיילט זייער דערשראָקנקייט און איינגעהאַלטן דעם יאוש נישט אַראָפּצוחינקען אין לעצטער שוואַרצקייט. דאָרט, אין דעם ווינקל וואו גלאַטשטיין וויל אַנטלויפן פון דער צעבושעוועטער, צעחיהטער, טמא׳ר וועלט, שטייט גרייט אַן אַנדער וועלט, אַ פיל עלטערע, קליגערע און ריינערע ווי די, אין וועלכער מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעבעטן און אַריינגעבעטלט איבער נאַכט. דאָס איז בלויז אַ „פּאָעטיש" אַנטלויפן, וועלן זאָגן אַנדערע. דאָס איז אָבער אַ דורכאויס יידיש אַנטלויפן. אויף אַזוי ווייט איז אונדזער יידישקייט, אונדזער עכט יידיש־לעבן פּאָעטישער, נישט נאָר עטישער, פון דער גויאישער וועלט, אפילו ווען מיר זיינען מיט איר אויסגעמישט אויף איין מאַרק־יאַריד, ווייסן מיר אַז פון דעם מאַרק, פון דער מגושמדיקער בהלהדיקער עולם - הזהדיקייט פירט אַראָפּ אַ היסטעריש שטעגל ערגעץ אַנדערש וואו זיי אַלע ווערן אַוועקגעפירט. דאָס איז דער טיפער מיין פון גלאַטשטיינס אַוועקרופן פון דער וועלט־פאַלשקייט, וואָס האָט פאַרשאַכערט אונדזער פאָלק. איך ווייס נישט

# געצעלטן

ווי אַנדערע, נאָר איך, ווען איך האָב געלייענט איינמאָל און צוויי מאָל גלאַטשטיינס „אַ גוטע נאַכט, וועלט" האָט מיר מיט איטלעך מאָל לייענען עפּעס אַרויסגעקלונגען און אַנטקעגנגעקלונגען ווי פון זייער אַ ווייטער ווייט, ווי אַ זילבערדיקער אָפּרוף און אַנטקעגנרוף, דעם באַרדיטשעווערס: „אַ גוטמאָרגן דיר, ריבונו של עולם". אָן אַ פאָראויסגעפילטער, אינערלעכער טרייסט-פאַרגיטיקונג, זאָל זיין אויפן מאָמענט אַפילו, איז נישט מעגלעך פאַר אַ פּאָעט אַרויסשרייען און אַרויסוויטיקן אַזעלכע פאַרצווייפלטע שורות; אָן אַ פאָראויסזען פאַר זיך אַ מקלט-ווינקל צו אַנטלויפן פון דער וועלט, קאָן מען דאָס מויל נישט עפענען און מען מוז זיך האַלטן מיט דער מכה — דער וועלט — אפילו אין שוואַרצסטן יאוש. און ווייל גלאַטשטיין טראָגט אין זיך, אין דער טיף פון זיין וועזן, אַזאַ וואונדערלעך באַהעלטעניש, האָט ער דאָס געטאָן מיטן פולן וויטיקלעכן כעס פון אַ צעצאָרנטן יידן, פון אַ פאַרצווייפלטן מענטשן.

אפשר וועט עס מאָדנע קלינגען, ווען איך וועל זאָגן אויף גלאַטשטיינען, וואָס איז, דאַכט זיך, דורכאויס אַ שטאָטישער, אַ גרויסשטאָטישער פּאָעט, אַז דאָס סאַמע שענסטע און בעסטע, דאָס דערהויבנסטע און דאָס וואָגיקסטע, וואָס ער האָט ביז איצט געשאַפן — האָט דער „קעראָסין-לאָמפּ"-שיין גובר געווען די שאַרפע, בליציקע עלעקטריציטעט. דאָס אורבאַניסטישע האָט איינגעבויגן דעם שטיינמויערישן קאָפּ פאַרן ישובדיקן כאַטע-שטיבל וואָס האָט זיך, אין דער שעה פון אַ גרויסער און ביטערער נויט, אַרויסגעכאַפּט און אַרויסגעשפּרונגען ווי פון אַ וויסטן חלום צוריק אויף דער רעאַליסטישער וואָר. דאָס שטאָטישוועלטישע איז געוואָרן נישט מער ווי אַ זייטיקע, כאָטש זייער וויכטיקע, דערפאַרונג, אַ מין טעכנישע פּערפּעקציע, צו עפּעס וואָס איז פאַרגרונטיקט אייביק-טיף אין אונדז; וואָס שטעקט מיט זיינע וואָרצלען אין די תהומות פון דער ערד און פאַרציט-פאַרציטערט מיט די אונגעזעענע הערנער און די ווייטע הימלען. נאָר אין אַזעלכע צייטן פון איבערבראָך און „איבערגאַנג" קאָן פאָרקומען אַזאַ רעוואָלוציע אין לעבן און אין גייסט פון אַ פּאָעט. דאָס וואָס מיר רופן ציוויליזאַציע, אין די פאָרמען און אינהאַלטן ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט ביז איצט, האָט געקאָנט מאַכן פון אַ פאָלק דאָס וואָס דייטשלאַנד איז געוואָרן און מיר מעגן אַביסל מורא האָבן, אַז דייטשלאַנד איז נישט די לעצטע בלינד-געוואָרענע, טמא מאַכט אונטער אַזויפיל בליציקע פייערן פון דער היינטיקער שוואַרצער וועלט. ווער נאָך זאָל עס אַזוי שטאַרק דערשפּירן, אויב נישט דער גרויסער עכטער פּאָעט. ווער, אויב נישט אַזאַ עכט יידישער, אַזאַ טיף-יידישער דיכטער, אין אייביקסטן, אין תנכישסטן זין פון וואָרט ווי גלאַטשטיין, זאָל זיך מיטאַמאָל אַ קערעווע-טאָן מיטן פנים צו יענעם גרויסן „היינט", וואָס אויסערלעך האָט ער אונדז אויסגעזען ווי נעכטן, און וואָס וועט אָבער קיינמאָל נישט קאָנען ווערן קיין „עבר" אין אונדז!

## ג ע צ ע ל ט ן

ער איז תמיד דאָ אין אונדז, ער איז דער נר תמיד ביי וועמעס ליכט מיר באַשיצן זיך, ווען אַלע גרויסע וועלט־ליכטער ווערן פאַר אונדז שוואַרצע זונען, בלינדע, פאַרדעכטיקע שאָטנס.

אונטער אָט־דעם ליכט געזען, איז גלאַטשטיין דער דיכטער פון גרויסער יידישקייט, פון עכטן נאַציאָנאַלן וועלט־געפיל. ער איז גרויס — נישט אין שאָטן פון יענער גרויסשטאָטישקייט וואָס טוט אַ רייץ אַמאָל דאָס אויסערלעכע,דרויסנדיקע אויג, נאָר אין ליכט פון יענער אַלט־יידישער אייביקייט, וואָס האָט געזוכט צו געבן דער וועלט און דעם מענטשן אַ זין אונטער דער זון. דאָ וויקלט זיך פאַנאַנדער די לאַנד־שאַפט פון גלאַטשטיינס וועלט. די וועלט וואָס ער האָט אַזוי וואונדערלעך באַזונגען אין פּראָזע און אַזוי הערלעך געשילדערט און דערציילט און אויפגעזונגען אין לידער און געזאַנגען. דאָס ביז־איצטיק געזאָגטע איז אָבער נישט מער אפשר ווי אַ פּאָרויס־שמועס אויפן וועג, גייענדיק צום בית גלאַטשטיין, וויל איך זיך דערווייל אָפּשטעלן און אים ווינטשן אַ יונגן גוטמאָרגן אויפן שוועל פון זיינע נייע פופציק שעפערישע יאָרן.

---

## II

ב. אַלקוויט

# יעקב גלאַטשטיין

אַז איך בלעטער גלאַטשטיינס ביכער, פון אָנהייב אָן אָדער פון איצט אויף צוריק, שטעל איך זיך אָפּ אויף „יידישטייטשן". דאָ איז אַ מחיצה. נישט קיין קרייצוועג. קינסטלעריש איז דאָ כמעט גאָרנישט געשען. אָבער דאָ איז אַ צייט־גרעניץ. און אַלע ענדערונגען אין גלאַט־שטיינס שאַפן זיינען, ווי זיין וואוקס, פאַרבונדן מיט צייט.

אין דעם לענגערן פּעריאָד, ביז נאָך „יידישטייטשן", האָט די לי־טעראַטור אַ ביסל אַנדערש געקוקט אויף דעם פּאָעט, בכלל, און דער דרויסנדיקער קוק אויף דער ליטעראַטור איז געווען שטאַרק אַנדערש אין דער וועלט פון יענער צייט, ביז דאָס וואָרט פון דעם שרייבער איז אַריין אין דער ספערע פון דער באַזונדערער מאָראַל, וואָס מיר האָבן פריער געהאַט נאָר אין לשון־קודש און אין טייטש־ספרים, און דאָס האָט געענדערט דעם שרייבערס פּנים. אָבער ער איז, וואָס ער איז פריער געווען און וועט זיין נאָכדעם — דער פּאָעט, דער דערציילער, דער שאַצער און היסטאָריקער — אַנדערש קאָן ער נישט זיין, וואָס דאָס לעבן וויל אין אים זען אין דעם היינטיקן טאָג.

ביז נאָך „יידישטייטשן" איז גלאַטשטיין געווען דער דיכטער פון אַ נייער ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע, איינער פון אַ גרופּע, וואָס איר הויפּט־געדאַנק קאָן אַזוי סומירט ווערן, אַז נישט נאָר קען דער

# געצעלטן

יידישער פּאָעט די וועלט־פּאָעטן, ער האָט אויך זיינע אייגענע באַ־ציאונגען מיט דער וועלט, זיין וועלטלעכע אינטעליגענץ, זיין יידיש וועלט־בילד, און דאָס דאַרף זיך אָנזען אין זיינע לידער, אין די לי־רישסטע פון זיי.

און אַזוי איז גלאַטשטיין געווען פון סאַמע אָנהייב אָן, אָבער אויף אַ ביז־דעמאָלט אומבאַקאַנטן אופן: אַזוי פאַרפלאָנטערט אין סימבאָלן, אין זיינע לירישע לידער, ווי אַבשלום אין דעם געצווייג פון אייכנבוים, און אַזוי יידיש קלאָר אין זיי, ווי אין זיין ליד „כ'בין אַ שוואַכער מענטש, אַ קלאָג אויף מיר", אין ערשטן בוך, דאָס ליד וואָס גלאַטשטיין האָט געשריבן בעת די פּאָגראָמען אין פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער אייגענער צייט איז ער דער זוכער, דער גרויסער וואָרט־קענער, וואָס זעט כסדר אַנדערע מיינען און נייע מעגלעכקייטן אין דעם וואָרט און ער עקספּערימענטירט אויף דעם געוואַגסטן אופן.

מיט זיינע שפּראַך־עקספּערימענטן האָט ער ממש צעאַקערט דאָס יידישע לשון. און צי דער איינפלוס פון די עקספּערימענטן אויף גלאַט־שטיינס שאַפן — אויב נישט אויף דער ליטעראַטור — איז גרעסער ווי עס איז געווען דאָס געשריי, וואָס די עקסטרעמע מוסטערן האָבן אַרויס־גערופן, אָדער קלענער, דאַרף מען ערשט אָפּשאַצן.

נאָך „יידישטייטשן" קומט די מחיצה. אָבער עס איז דער איי־גענער גלאַטשטיין. ער האָט זיך נישט ערשט אַנטפּלעקט אין די חורבן־לידער. עס וואָלט געווען אַן אומכבוד פאַר אונדזער ליטעראַטור, ווען מיר זאָלן זען דעם דיכטער ערשט און נאָר פון דער צייט אָן, וואָס זיינע לידער זיינען לידער אויף אונדזער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע. פאַר־זענלעך מעג מען אָנערקענען אַ שרייבער ערשט און נאָר פון דער צייט, וואָס מען האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן. ס'איז אַוודאַי טשיקאַווע. ס'איז אַ קוריאָז, אָבער אַ מענטשלעכער קוריאָז. ס'קאָן אויך זיין שטאָף פאַר מעמואַרן, אָבער ווייטער פון דעם דאַרף עס נישט גיין.

די צייט־גרעניץ איז בולט אַפילו אין די צוויי פּראָזע ביכער, „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען", וואָס זיינען צוויי בענד פון איין בוך. דער ערשטער באַנד איז אַרויס אַ יאָר נאָך „יידישטייטשן", אָבער געפאָרן איז יאַש פריער, אין דער צייט, ווען דער דיכטער האָט געזונגען:

אַלקאַלירטע רעדעריי
אַלצעצונגטע שפּראַכעריי

— — —

אַלגעדאַנקגעפּאַרביי

פאַרנדיק אַהיים, פאָרט אים די היים אַנטקעגן, זי איז דאָ שוין אויף דער שיף. אָבער דאָס איז נישט די היים פון דער קעגנוואַרט און דאָס דראַמאַטישע איז — דראַמאַטיש אין רעטראָספּעקט. עס איז

# געצעלטן

געשען אין דער וועלט פון זיינע קינדער־יאָרן. די הויפּט־דראַמע איז אין לעבן פון דעם שווימענדיקן בבל. די היים אויף איר אייגענעם באָדן איז אַן אַנדערע היים. זי איז עלטער, זי איז טויזנט יאָר אַלט, אַזוי אַלט ווי די עלטסטע, שטאַרקסטע וואָרצלען פון יידישטייטשן — חומש־טייטשן, און דאָס לעבן פלאַקערט ווי דער פלאַם פון אַ גרויס ליכט, וואָס האַלט ביים אויסברענען.

מיט דער הויפּט־פיגור, אין צווייטן בוך, שטיינמאַן, וואָס איז נישט גלאַטשטיין, מיט די יידן פון דער קהילה, „די קינדער פון חת" און די יידן אין דעם „פּאַראַד פון אָרעמקייט", מיט די קרעמער, לערער, ווייבער, בעלי־עגלות און דער רבישער סוויטע און דעם קראַנקן גאון, וואָס האָט „מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין די ליכטיקייט פון זיינע רייד", און קיינער ווייסט נישט וואָס ער האָט געוואָלט, קיינער פאַרשטייט נישט וואָס ער האָט געשריבן — מיט זיי אַלע, פון אַלע זייטן, אַלע טיפן, אַלע הויכן, וואָס גיבן דעם בוך זיין פּאַרנעם און דעם כאַראַקטער פון יידיש לעבן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — מיט דעם אַלץ איז עס אַ דורכאויס לירישׂ בוך, ליריש ווי אַ ליד, און עס איז נישט קיין וואונדער, אַז דער זעכצן יעריקער עלוי, וואָס איז אַזוי וויכטיק אין דעם בוך ווי שטיינמאַן — ער, דאָס ייִנגל, וואָס וויל „באַנייען דעם גאַנצן יידישן געדאַנק" — שרייבט לידער ווי גלאַטשטיין, מיט זיין געוואַגטקייט, און די לעצטע ווערטער פון דעם עלוי, וואָס זיין „העלד פון חסידות", זאָגט ער, איז דער בראַצלאַוער, זיינע לעצטע ווערטער זיינען: „יידיש לעבן".

דאָסדאָזיקע לעבן — איך געדענק נאָך דעם איינדרוק פון די גרוסן, וואָס גלאַטשטיין האָט אונדז אָפּגעגעבן ביי זיין צוריקקומען פון לובלין, פון פוילן — ווי שווער און ביטער דאָס לעבן איז געווען, ווי טראַגיש שווער, ערב אונטערגאַנג. אָבער מען האָט געלעבט. קיינער האָט נישט געקאָנט זען, אַז דער סוף איז אַזוי נאָענט, אַז דער חורבן וועט זיין אַזוי פולשטענדיק. שטיינמאַן שטאַרבט מיט געזאַנג. און מיט אים האָבן געזונגען יידן, וואָס דער דיכטער האָט פריער אַזוי געשילדערט: „די גאַנצע איובשאַפט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט — נישט צו מיר פּערזענלעך, נאָר צו מיר, דעם שליח־צבור פון לעגענדאַריש ברויט". צו אים, און דורך אים, צו די קרובים אין אַמעריקע, צו אַמעריקע.

אין זיין קוק אויפן לעבן האָט גלאַטשטיין זיך געענדערט ווי מיר אַלע האָבן זיך געענדערט. קיין מענטש, קיין יידישער מענטש, איז נישט, און קאָן היינט נישט זיין, וואָס ער איז געווען מיט צען יאָר צוריק. גלאַטשטיינס ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט", וואָס איז אַריין אין דעם בוך „געדענקלידער", זעט אויס ווי אַ צייט־גרעניץ, אַ שאַרפע מחיצה אין זיין יידישן וועלט־באַנעם. אָבער איך זע דאָ נישט קיין מיטאַמאָליקן איבערברוך, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען יאָ אין ניין, אָדער פאַרקערט. אפשר מאַך איך אַ טעות, אָבער איך זע נישט דעם איבערברוך. איך

# געצעלטן

זע, אויך אידעאיש, דעם אייגענעם גלאַטשטיין, וואָס אין זיין ערשטן בוך לידער.

די קאַפּיע, וואָס איך האָב פון זיין ערשט בוך, האָט צוויי אויפ־שריפטן. איינע איז צו מיר, די אַנדערע איז אַ פּראָיעקטירטער נאָמען פאַר דעם צווייטן בוך לידער און לייענט זיך: „צום שלאָס פון יאָ און אַנדערע דורכפאַלן". דאָס בוך איז אַרויס אונטער אַן אַנדער נאָמען. אָבער עס זיינען דאָ דאָ צוויי לידער פון דעם פּראָיעקטירטן נאָמען. איינס: „צום שלאָס פון יאָ" און ס'אַנדערע — „דאָס ליד פון דורכפאַל".

אויך דאָס ליד פון יאָ איז אַ ליד פון דורכפאַל, פון ניין — פון ניין און אויב און ווידער ניין — צו יאָ און יאָ.

אויף מיינע פּילפאַרביקע רייטוועגן ניין.<br>
זינגט מיין האַרץ: יאָ. יאָ. יאָ.<br>
ערגעצוואו:<br>
אַרויף. אַראָפּ. אַרום.<br>
קומסטו צום. קומסטו צום.<br>
שטאָל און שטיינערנעם שלאָס פון יאָ.

און דאָס שטייגן אין דעם ליד פון דורכפאַל:

פון ערד ביז הימל אַ לייטער פון שטאַפּלען פון דורכפאַל.

קינסטלעריש איז עס דע ראַייגענער באַגריף פון שטייגן איבער דעם לייטער, וואָס זיין יעדער שטאַפּל אַרויף איז אַ שטאַפּל פון דורכ־פאַל — מער וויניקער — נישט נאָר ביי גלאַטשטיינען, ביי אַלע קינסטלער. טייל בלייבן הענגען אין מיטן און קאָנען מער נישט שטייגן. אַנדערע פאַלן אַראָפּ, פּרובירן פון דאָס ניי. פּאָעטיש איז דער שלאָס פאַרשוואונדן פון דעם יאָ אין גלאַטשטיינס לידער. אָבער דער יאָ איז דאָ, אומעטום. פּאָעטיש איז יעדער ליד וואָס קאָמוניקירט עמאָציע, וויזיע, אַ ליד פון יאָ. יעדער ליד פון פיזישער אָדער מעטאַפיזישער שיינקייט איז אַ ליד פון יאָ. עס זיינען פאַרשוואונדן די „פּילפאַרביקע רייטוועגן" פון גלאַטשטיינס ניין, אָבער ווי דעמאָלט פירט ער צו יאָ און ווי טראַגיש דער יאָ איז היינט, איז ער שטאַרקער, מעכטיקער, מאַגישער, ווי דער לעגענדאַרישער שלאָס.

וואָס ער האָט געזוכט און געפונען, יעדער נייקייט, פריער ווי איצט, דאָס אומקלאָרע ווי דאָס קלאָרע, לעבט אין דער פּשטות פון וואונדער און עס איז דאָ אין דעם אַן אומגעריכטע פרייד, וואָס איז — ווי דער פּאַטאָס אין די חורבן לידער — אַן אַפירמאַציע פון לעבן און פון לשון.

אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן,<br>
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער.

אַז מען וויל, איז דער מאַנדלשטעקן א געטאָ־שטעקן. ערגעץ אַנדערש האָב איך געשריבן, ריכטיקער: איינער פון די מענטשן אין מיין דערציילונג „מאָטיוון פון אַמאָל אין ניו־יאָרק" האָט געזאָגט: „רופט

# געצעלטן

עס נישט געטאָ־מאָטיוו. 'אַ גוטע נאַכט, וועלט' איז אַ ליד פון יידישן ווידערשטאַנד".

יאָ פון ווידערשטאַנד. יאָ נאָך יעדן דורכפאַל. יאָ אין דעם פינצטערן מויל פון יעדער חורבה, אין דער פאַרצווייפלונג פון דעם איבערבלייב, ווי אין דעם נייסטן ליד, גלאַטשטיינס, וואָס איז ווי „אַ גוטע נאַכט, וועלט" — און אפשר איז עס דער נייער: אַ גוטמאָרגן דיר, וועלט — דאָס ליד „אונדזער טאָגנדיקע נאַכט":

שווער צו שפּינען פון פּחד גלויבן.

קיינער באַפעלט דיר נישט גאָט צו לויבן?

אָבער:

געלעבט, געלעבט און נישט געטראַכט.

דאָס זיינען, מיין איך, די הויפּט־שטריכן פון גלאַטשטיינס קינסט־לערישער פּערזענלעכקייט. אַזוי זע איך אים פון אָנהייב אָן. מען קאָן אים זען אַנדערש, יעדער ווי ער זעט. דער וועג פון יעדנס צוגאַנג צו אַ שרייבער הייבט זיך אָן פון אים אַליין, פון דעם אָפּשאַצער, און די אָפּ־שאַצערס פון אַ גרויסן שרייבער זיינען אַלע אינאיינעם, די ווייטע, ווי די נאָענטע ווי די וואָס זעען אים אין דער פּערספּעקטיוו פון זייער גאָלדענעם מיטלוועג.

אין זיינע „אַפּאָריזמען וועגן קריטיק" שרייבט גלאַטשטיין, אַז „יעדער קריטיקער בויט זיך אויף זיין ליטעראַרישע געביידע און דאָרט באַזעצט ער זיינע שרייבער". אמת. אָבער דער שרייבער וואוינט נישט נאָר אין אַ ווינקל, אין אַ חדר פון דעם קריטיקערס געביידע, צוזאַמען מיט אַנדערע, אָדער אין אַ באַזונדער אַלקער. דער גרויסער שרייבער וואוינט אויך אין אַן אייגן הויז, וואָס די קריטיק, נישט איין קריטיקער, האָט עס אויסגעבוט צוליב אים — און דאָ, אין דער גע־ביידע, וואוינען אויך די קריטיקער, וואָס האָבן אים אָפּגעשאַצט.

איך מיין, אַז פּרץ, למשל, איז נישט נאָר פּרץ אין זיינע ווערק, וואָס דורך זיי האָט ער, ווי גלאַטשטיין האָט אים אָפּגעשאַצט, געשאַפן „אַ יידישן נײַנצנטן יאָרהונדערט". פּרץ איז אויך אין דער אומגע־הייערער געביידע פון ליטעראַטור קריטיק, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן צוליב אים, זיינע ווערק, זיין צייט, זיין פּערזענלעכקייט.

נישט אַרום יעדן גרויסן שרייבער איז די געביידע פון ליטעראַטור־קריטיק אַזוי גרויס — אַזאַ עשירות פון געדאַנקען, סאָציאַלע, עטישע אידייען, גייסטיקע זוכענישן, קולטור פאָרשונג. עס זיינען אויך דאָ וויכטיקע, אָריגינעלע פּאָעטן און דערציילער, וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, היימלאָז אַלע זייערע יאָרן. מען זעט זיי אַפילו נישט צווישן די „פּערי־פּערישע איינוואוינער", אַרום דעם הויז פון דעם אָדער יענעם קריטיקער. זיי זיינען די אייביקע וואַגאַבונדן אין דער ליטעראַטור קריטיק און זייער לעבן איז אַן אייביקער פּראָטעסט קעגן דער אָרדענונג פון דער קריטיק.

# געצעלטן

גלאַטשטיין איז — אויך אין דעם — איינער פון די אייגנאַרטיקסטע שרייבער, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט ווען עס איז געהאַט. אויך אין דעם איז ער אַנדערש. ער, וואָס אַזוי פיל איז וועגן אים געשריבן געוואָרן, איז פונדעסטוועגן אַ דרויסנדיקער מענטש פאַר דער ליטעראַטור קריטיק, אָפּט אַ ליבער, זייער חשובער גאַסט, וועמען מען לויבט און מען הויכט און מען פרייזט. אָבער עס פילט זיך אַן אומזיכערקייט מיט דעם דיכטער, אַ ביסל אויך מיט דעם דערציילער, נאָך מער מיט דעם גלאַטשטיין, וואָס האָט אייגענע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און אַן אײי־גענעם סטיל פאַר די מיינונגען — אַן אומבאַקאַנטן, איך וואָלט געזאָגט, פּאָעטיש אַקסיאָמאַטישן סטיל, וואָס איז אָבער ווי פּשוטע פּראָזע און נישט אַזוי פּשוט — אַזוי, אַז אַפילו צווישן אים און דעם קריטיקער, וואָס באַוואונדערט אים, בלייבט שטענדיק אַן אומגעזעענע דיסטאַנץ.

וועגן זיינס אַן איינציק ליד, די באַרימטע „גוטע נאַכט" דער וועלט, איז געשריבן געוואָרן אפשר מער ווי וועגן אַ האַלב טוץ אַנער־קענטע פּאָעטן. אָנהייבנדיק מיט גלאַטשטיינס אָנזען אין דער פּאָלעמיק אַרום „אינזיך", די אָפּשאַצונג פון זיין אָרט אין דער גרופּע, פון אים אַליין, זיינע ערשטע לידער ביכער און, נאָכדעם, די גרויסע צאָל אַר־טיקלען, רעצענזיעס, קורצע און לענגערע באַטראַכטונגען, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן זיינע שפּראַך עקספּערימענטן, די לידער ביכער „קרעדאָס", „יידישטייטשן", „געדענקלידער" און, דער עיקר, די פּראָזע ביכער — „ווען יאַש איז געפאָרן" און „ווען יאַש איז געקומען" — דאָס אַלץ אינאיינעם איז באמת אַן אימפּאָזאַנטע געביידע.

און ווען איך זאָג, פונדעסטוועגן, אַז גלאַטשטיין איז דאָ, לויט מיין איינדרוק, אַ דרויסנדיקער מענטש, מיין איך נישט, אַז שולדיק איז די ליטעראַטור קריטיק — אַז ער ווערט נישט געהעריק אָפּגעשאַצט, אָדער, אַז קיין לויב קאָן אים נישט באַפרידיקן, אָדער — און דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער פון די אַבסורדן — אַז גלאַטשטיין איז אַזאַ אומפריינטלעכער מענטש, וואָס קאָן נישט פאַרגעבן און פאַרגעסן. דרך אַגב, דער אידיאָם איז דאָ אַן איינזייטיקער. אויך די אַנדערע זייט האָט געהאַט גענוג, וואָס צו פאַרגעבן און פאַרגעסן. איך ווייס נישט ווער מער.

גלאַטשטיין איז פון אָנהייב אָן אָנערקענט געוואָרן פון אַלעמען, אָבער מיט רעזערוואַציעס, וואָס האָבן, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעטיילט דעם פּאָעט פון זיין טאַלענט און אים אָנגענומען, דעם טאַלענט, ווי — דאָס איז גאָטס גאָב און דאָס האָט מען אָנגענומען — נישט דאָס נייע אין דעם פּאָעט, זיין אַנדערשקייט, זיינע אידייען, זיין ליטעראַרישע אינטע־ליגענץ, זיין קומען מיט אַ גרופּע, מיט אַ ריכטונג: דעם „אינזיך". דער „אינזיך", ווידער, איז אָפּט געווען מער ווי אַגרעסיוו, ער איז געווען אַגרעסאָריש, און אוודאי זיינען געווען קלאָגן, וואָס האָבן זיך געפילט

# געצעלטן

געטראָפן, וויטיקדיק געטראָפן.

פונדעסטוועגן, אין יענער צייט האָבן מיר געהערט וועגן אַן אויס־ברוך פון פיזישער קולטור אין אַ ליטעראַטן פּאַראיין — נישט אין ניו־יאָרק, נישט אין אַמעריקע. אויב אויך דאָ איז עס אַמאָל געשען, האָט עס נישט געהאַט קיין שייכות מיט דעם „אינזיך". עס זיינען געווען געשפּאַנטע באַציאונגען, איבערגעריסענע באַציאונגען, אָבער איך ווייס נישט פון נאָך אַ גרופּע, וואָס איז געווען אַזוי צעקריגט מיט דער ליטע־ראַטור און אין דער אייגענער צייט געלעבט אַזוי בשלום מיט קאָלעגן שרייבער.

דער „אינזיך" איז געגאַנגען די גאַנצע צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. דאָס מיינט ,אַ גאַנצע תקופה. דער זשורנאַל איז עט־לעכע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן און ווייל ער איז ווידער און ווידער באַנייט געוואָרן ,מיינט עס, אַז ער איז די גאַנצע צייט געווען מיט דער גרופּע, און מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָ זיינען די „פּאַרמאַציע יאָרן" פון גלאַטשטיינס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט — דאָ איז דער גאַנ־צער גלאַטשטיין, ביז דעם גרויסן יידישן חורבן. דאָ איז דער דיכטער און פּובליציסט פון די שפּעטערדיקע חורבן־יאָרן.

דאָ איז גלאַטשטיין אין זיין אייגן הויז, מיט זיינס גלייכן, זיינע נאָענטע, וואָס זיינען אפשר געווען זיינע אידעאַלסטע קריטיקער. איך זאָג אפשר, ווייל דער אידעאַלער קריטיקער, דער זוכער, דער דערזעער און אַנטדעקער, איז נישט הוילע באַוואונדערונג. ער איז איבערלייגט, ער איז אַנאַליטיש, ער זעט אומווערטן און וואָרט אויף נייע אַנטוועק־לונגען. ער איז ער, און דאָס איז זיין ווערט אין דער ליטעראַטור. גלאַטשטיינס נאָענטע האָבן אים, ווי ער זיי, כסדר אַנטדעקט און באַ־וואונדערט: אין יעדער ניי ליד אַנטדעקט זיין גרויסקייט, געזען זיין אָריגינעלקייט און געזען, וואָס אַנדערע וועלן זען אין צען יאָר אַרום, אין צוואַנציק יאָר אַרום. זיי האָבן אים באַוואונדערט שורה ביי שורה — מיר האָבן דעמאָלט געזוכט דעם דיכטער קודם אין דער שורה — און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַנדערע פאַרשטייען נישט זיין אומפאַר־שטענדלעכקייט, די אומפאַרשטענדלעכקייט פון דער גאַנצער גרופּע.

מען רעדט נאָך היינט אויך וועגן אומפאַרשטענדלעכקייט, נישט ביי אונדז — אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. די בעסטע אַמעריקאַנער פּאָ־עטן ווערן איצט באַשולדיקט אין אומפאַרשטענדלעכקייט. אין דער בייסטער אַטאַקע אויף אומפאַרשטענדלעכקייט אין דער אַמעריקאַנער פּאָ־עזיע, אין הערבסט, 1946, ווערט געזאָגט, אַז דאָס איז „עקזיביציאָניזם", אַז די לידער זיינען „רעטענישן". וועגן גלאַטשטיינס בוך „קרעדאָס", וואָס איז דערשינען אין 1929, האָט אַ באַרימטער יידישער שריפטשטעלער געשריבן: „עפּעס רעטענישן" און „צופּיל — סנאָביזם".

# געצעלטן

איך שטעל מיך אָפּ אויף דעם נישט מיט פאַרוואורף צו יענעם חשובן יידישן שרייבער. ער קאָן אַוודאַי זאָגן, אַז די, וואָס באַשולדיקן היינט די בעסטע אַמעריקאַנער פּאָעטן אין אומפאַרשטענדלעכקייט צוליב עקזיביציאָניזם, זיינען פונקט אַזוי גערעכט ווי ער איז דעמאָלט גערעכט געווען, ווען ער האָט אַזוי באַשולדיקט גלאַטשטיינען און, דאַכט זיך, אַנדערע פון זיין גרופּע. איך שטעל מיך אָפּ אויף דעם, ווייל דאָס ניטפאַרשטאַנענע, גלאַטשטיינס זוכן און עקספּערימענטירן, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דעם וואוקס און אין דער אַנטוויקלונג פון זיין שאַפן.

דער פּאָעט, אַפילו דער געהאָרכזאַמסטער פון די קלאַסישע אבות, איז, קודם כל, דאָס לשון — ער איז אינגאַנצן ביד הלשון. קיין פּאָעט מיט אַזאַ פאַרמעגן פון וויסן, קולטור, אַזאַ פאַרנעם און וועלט־באַנעם, ווי גלאַטשטיינס, האָט נישט קיין פּשוטער לשון ווי עס איז זיין יידיש. איך האָב אויך אַ טראַכט געטאָן פון די גרויסע ענגלישע פּאָעטן, וואָס איך קאָן. גלאַטשטיינס לשון איז נישט ביי און נישט יונג. עס איז אין זיינע יאָרן, עס איז ער, און ער איז שטאַרק געראָטן אין דער מאַמען, ווי זי איז אין זיין פּאָעמע „כ'טו דערמאָנען" — אַן אַלט יידיש לעבן וואוינט אין גלאַטשטיינס לשון —עס איז מאַמע לשון פּלוס גלאַטשטיין.

און דער פּלוס, ווי קאָמפּליצירט ער איז אין זיינע עמאָציעס, זעאונגען און סימבאָלן, איז ער קיינמאָל נישט געווען אַזוי אומפריינטלעך, ער זאָל זיך באַמיען צו שרייבן אומפאַרשטענדלעכקייטן. אין דעם אַלטן יידישן לעבן, וואָס וואוינט מיט אים אין דעם לשון, איז דאָ חריפות, קאַטאָוועס, ניגון אָן ווערטער. אַמאָל וויל עס זיך אַ שפּיל טאָן, אויב נישט מיט אַ קינד, איז מיט אַ וואָרט: זינגען אַ וואָרט, בעסער — זאָל עס זיך אַליין זינגען, ווי „טירטל טויבן", אין ערשטן בוך.

דאָס וואָרט קומט אין מיטן „אימפּולסן פון געדאַנק", אפשר אין מיטן דעם ווי ער האָט, אין יענע יאָרן, אַזוי יונג זיך געפרעגט: „איך? ווער בין איך?" אין אַ זוניקן טאָג, אויף אַ גרינעם אָמניבוס איבער ריווערסאַיד דראַיוו — אויך דאָ זיינען דאָ טויבן; און דער האָדסאָן, אַ מיידל, דער אָפענער קאַרק פון אַ מאַטראָס, אַן אַלטיטשקער און אויף אים קוקט ער, אַרום אים וועבן זיך זיינע געדאַנקען, ביז ער זעט „דעם סקעלעט אַדורכשפּיגלען" דורך די אָדערן און דער הויט „און די געלע, ברייטע, טויטע נעגל". און מיט אים פאָרט ער: „שעהן, טעג, יאָרן, יאָרהונדערטער", ביז ער קומט צו אַן אַנדער אַלטיטשקן אין דעם גענזאַנג פון „זילבערשרעקן", אין צווייטן בוך, און „זיבעצן לבנות" און דורך דער וועלט פון געשעענישן — „סאַקאָ און וואַנזעטי", „מאַרשאַלקו", „דאָרט וואָ די צעדער" — און אין אייגענעם לעבן, מיט דעם ווילן צו „קאָטאַלאָגירן אַלץ וואָס איז אומפאַרשטענדלעך — מיט דעם פלאַטער פון אַ וואָרט", אין דריטן בוך, ביז ער קומט צו די חידושים פון אָנהייב לעבן, אַזוי ווי אין דעם ליד „זייגער און מאַמע", אין „יידישטייטשן".

# ג ע צ ע ל ט ן

די אומפאַרשטענדלעכקייט איז דאָ קלאָר פאַר אַלעמען. צוויי הויפּט־זאַכן זיינען וויכטיק. די אַסאָציאַציעס פון געדאַנק, וואָס גלאַטשטיין האָט, ווי אַנדערע, געגעבן אין זיין ליד און דער פרייער פערז, וואָס איז ביי אים — שוין נישט ווי ביי אַנדערע. דער פרייער פערז איז אַ מעטאָד, אָבער נישט ביי גלאַטשטיינען, נישט איצט און נישט אין די ערשטע יאָרן. גלאַטשטיין און פרייער פערז זיינען אידענטיש.

גלאַטשטיין, וואָס האָט אין זיינע שפּראַך עקספּערימענטן זיך דערוועגט אַזויפיל, האָט זיך קוים צוגערירט צו מעטרישע פאָרמען, נישט ווייל ער האָט עקספּערימענטירט און דערפאַר כסדר געשריבן אין פרייען פערז, נאָר ווייל די מעטישע פאָרמען זיינען, מיין איך, קעגן דער טבע פון זיין לשון, אַזוי ווי געוויסע גרונד־געזעצן פון דער געזעלשאַפט זיינען קעגן דער טבע פון אַ פרייען מענטש, וואָס לעבט אָבער אין דער שטרענגסטער אינדיווידועלער אָרדענונג.

אין אַלע זיינע לידער ביכער איז דאָ אַן איינציקער סאָנעט. גלאַטשטיין האָט געשריבן און שרייבט געבונדענע פערזן. ער האָט מוסטערן, וואָס זיינען, אין געבוי, ענלעך צו קלאַסישער פאָרם, אָבער נאָר ענלעך. די מוזיקאַלישקייט איז אַ פרייע — די מוזיקאַלישקייט פון אַ פריי לשון. ער האָט לידער ווי דאָס שטיק אַנטיקע יידיש לעבן „אַ פאַרטריפטער לייכטער" און ער נוצט דעם גראַם, אָפט אויף אַן איבערראַשנדיקן אופן, אָבער אַלע לידער זיינען אונטער דעם חותם פון פרייען פערז, וואָס האָט ביי אים אַן אייגענע קאָנווערסאַציאָנעלע מעלאָדישקייט, אַ מעלאָדישקייט, וואָס גייט איבער אין רעטשיטאַטיוו אין די פריע לידער פון פערזענלעכער און נאַציאָנאַלער טראַגיק:

האָבן די קעמלען ניט דערצויגן מיט די לאָגלען.
האָבן בייזע ווינטן און האָגלען צעלעכערט די לאָגלען.
אוי איז מיר, אוי איז דיר.

ווי אין ערשטן בוך, ביז ער דערגייט צו תפילה געזאַנג, צום טאָן פון אַ פּיטן, ווי אין „געדענקלידער" :

ס'ווערט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
געמינערט אונדזערע פריינט, צאָלפאַך אונדזערע שונאים.

און ביז דער נייסטער פּאָעמע, „כ'טו דערמאָנען", וואָס האָט דעם ריטם און דעם אָטעם ווי פון נייע כוחות נאָך אַ טראַגישער מידקייט, דאָס געמיט ווי ביי אויפשטיין צו נעילה:

נאָך די זאַכן וויל איך דערמאָנען,

— — — — —

נאָר דאָס דאַרף איך דערמאָנען,

— — — — —

נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען.

דאָס איז אַ שטראָם פון לירישער כראָניק, פון די „באַזונדערע,

# ג ע צ ע ל ט ן

קלענערע חורבות", אַ שטראָם, וואָס שווענקט אַוועק אַלע קליינע רייד וועגן פּאָעטישער מייסטערשאַפט. אָבער איך רעד דאָ וועגן גלאַטשטיינס לשון, וועגן זיין פריען פערז, וואָס איז, ווי איך זע אים, דער סטיל פון זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

זיין ערשט בוך האָט גלאַטשטיין אַרויסגעגעבן אונטער דעם נאָמען „יעקב גלאַטשטיין". דאָס צווייטע בוך הייסט „פרייע פערזן". די נעמען פון זיינע ביכער זיינען נישט קיין צופעליקע. אַגב, אויף וויפיל איך ווייס, איז עס געבליבן דאָס איינציקע יידישע לידער־בוך, וואָס זיין טיטל איז דעם דיכטערס נאָמען, אָבער עס איז נישט קיין נייעס אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, נישט אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, שוין אָפּגערעדט פון דער ביבל. אַפּנים, אַז עס איז געווען אַ טעות, וואָס מען האָט געמיינט, אַז גלאַטשטיין, דער גאַנצער אינזיך איז געקומען אַ תל מאַכן פון טראַדיציע. אַפּנים, אַז געהאַנדלט האָט עס זיך נישט אין גראַם און פאַרשטענדלעכקייט. עפּעס אַנדערש, לאָמיר זאָגן אַ געוויסע פאַרעלטערטקייט. אָבער אַלטקייט, אין דעם וואָס איינער שרייבט, אַלטקייט פאַר זיך אַליין איז דאָך נישט קיין טראַדיציע. און אפשר איז עס יאָ טראַדיציע.

דאָס אַלטע און דאָס נייע אין די נעמען פון די צוויי ערשטע ביכער, „יעקב גלאַטשטיין" און „פרייע פערזן" — וואָס די צוויי נעמען מיינען — דאָס איז יעקב גלאַטשטיין. ביידע צוזאַמען מיינען: די אויטענטישקייט פון זיין וואָרט, דער כוח צו זיין אינגאַנצן ער.

עס איז נויטיק אַ העכערע מדרגה מייסטערשאַפט צו שרייבן גוטן, האַרמאָנישן פרייען פערז. דער עיקר, מען מוז האָבן אַן אויער פאַר דער מעלאָדישקייט פון אַן איינציקער שורה, וואָס דאַרף נישט וואַרטן, אַז די צווייטע, דריטע אָדער פערטע שורה זאָל זי אויסלייזן מיט אַ גראַם פון איר פאַרלוירנקייט, און מען מוז כסדר זען, כסדר האָבן וואָס צו זאָגן — וואָס צו זינגען, אין דער צוזאַמענקייט פון די שורות — און די בעסטע זאַך איז, אַז מ'איז אַ ביסל יינגער פאַר אַן אָנהייב.

נישט גלאַטשטיין אָדער ווער עס איז אין דעם „אינזיך", האָט ווען עס איז צוריקגעוויזן מעטרישע פאָרמען אָדער דעם גראַם. פאַרקערט. לעיעלעס האָט אַרויסגעוויזן גרויס מייסטערשאַפט אין אַלע פאָרמען און געשאַפן לידער אין פורעמס, וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט נאָך נישט געהאַט. טייל פון מינקאָווס בעסטע לידער זיינען מעטריש און מיט גראַמען. און איך שלאָג נישט פאָר קיין רעוואָלוציע אָדער קאָנטער־רעוואָלוציע קעגן גראַם. אָבער, אַז עס איז ביי אונדז מיט אַ שטיקל צייט צוריק אויפגעהויבן געוואָרן אַ דעבאַטע, צי מעג מען הנאה האָבן פון לידער אויף דעם יידישן חורבן, האָב איך נאָר געטראַכט פון יענע שלעכטע לידער, וואָס גראַמען זיך, און געקלערט, אַז דאָס געפיל פון פאַרשוועכונג רופן זיי אַרויס נאָר מיט דעם, וואָס זיי גראַמען זיך.

# געצעלטן

וואָס איך מיין, איז, אַז דער גראַם גיט דעם שלעכטן ליד אַ פּאַר־מעלקייט, וואָס פּאָרט זיך נישט מיט אַ צערודערט געמיט, מיט די טיפע עמאָציעס, וואָס וועגן זיי וויל עס זינגען אָדער דערציילן. דער גראַם ביי איינעם, וואָס שרייבט נישט אָן טאַלענט, קאָן אָפט זיין אַן אינספּי־ראַציע, ער קאָן באַפּעסטיקן אַ מעטאַפאָר אָדער אים אַרויסרופן. אַ דיכטער וועט גלייך אָפּשטעלן דעם גראַם, וואָס וויל זינגען סאָלאָ, אָן דעם ליד. דער גראַם קאָן האָבן זיין אייגענע באַרעכטיקונג, מיט אַ באַזונדערן חן אָדער צוגאָב צו דער מוזיקאַלישקייט פון ליד. ער קאָן זיין ווי ביי א. סוצקעווער, ווי אין דעם ליד „סוצקעווער", וואָס גלאַט־שטיין האָט זיך געגעבן אַ מתנה צו זיין יובל:

ער טרייבט פון זיך הונגער, ביטערקייט און סם
און צינדט אָן די פינצטערע שורות
מיט דעם ליכט פון אַ גראַם.

ווי אין דעם פאַרביקן, קאַשמאַריקן גראָטעסק פון הערבסט, ווי די ערשטע שורה זאָגט, „אין יאָר ניינצנהונדערט זעקס":

ס׳מאַרשירן די קיילערס פון סדום,
מיט בלוטיקע פאַרטוכער.
גוואַלט, אַזויפיל שוימענדיקע ביר־פעסער.
אַזויפיל פאַרשייטע גאָפּל־מעסער.
אַזויפיל פילדערנדיק געשיר,
אַזויפיל ווייַן, טאַנץ, ליכט, קאַליר.
אַזויפיל בורלעסקישע עס־פּראָבלעמען —
די טויטע צו פאַרשעמען.

און ווי דאָס גרויס־דיכטערישע, גרויס־יידישע וואָרט פון דעם ליד „אונדזער טאָגנדיקע נאַכט", פון דער אייגענער צייט:

שווער די נאַכט דורכצוהאָפן?
אָבער אַזוי האָט גאָט באַפוילן:
אַפילו ווען אַלע לענדער זאָלן ווערן אונדזער פוילן,
אַלע הייליקע שריפטן טויטע טייטשן,
אַלע מענטשן אונדזערע דייטשן —
געלעבט, געלעבט און נישט געטראַכט.
שומר, שומר האַלט די פעסטונג פון אונדזער נאַכט.

גלאַטשטיין, האָף איך, וועט מיר פאַרגעבן פאַר אָפּטיילן שטיקער לידער פון זייער גאַנצקייט. איך האָב באַוואונדערט ווי ביי דעם דיכטער, וואָס זיין ליד איז שטענדיק אונטער דעם חותם פון פרייען פערז, איז פון דעם ביבלישן: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט", געוואָרן: „אַזוי האָט גאָט באַפוילן" און „אַפילו ווען אַלע לענדער זאָלן ווערן אונדזער פוילן".

אין דער דעבאַטע וועגן חורבן לידער, אָדער קינות, איז גלאַט־שטיין געווען אַ נוגע בדבר. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, שרייבנדיק וועגן

# געצעלטן

דעם מקונן ז. סעגאַלאָוויטש, האָט ער געזאָגט: „ס׳קאָן זיין, אַז מען וואָלט טאַקע באַדאַרפט פּראָקלאַמירן ביי אונדז אַ שמיטה אויף לידער שרייבן און אויף דעם, וואָס מען האָט אין רואיקע צייטן, גערופן — פּאָעזיע״. ווען איך האָב דאָס געליינט, האָב איך עס פּרובירט אַביסל מאָדיפיצירן: ס׳קאָן זיין, אַז מען וואָלט טאַקע באַדאַרפט פּראָקלאַמירן ביי אונדז אַ שמיטה אויף די גראַמען, וואָס גיבן דעם שוואַכן ליד פּאַרמעלקייט, דער־מאָנען אין דעם ערגערן ליד, בדחנות און ביידע, די מעטריק מיט דעם גראַם, זיינען חתונה קליידער פאַר דער אבלות אין דעם שלעכטן ליד.

שלעכטע לידער מוז מען אָבער שרייבן. אונטער אַלע אומשטענדן, זעט אויס. די שרייבער מוזן און זיי זיינען אויך אַ באַשטאַנדטייל פון אַ לעבעדיקער ליטעראַטור. עס וואָלט אָבער געווען ווייניקער פּאַרדראָס, ווייניקער האַרצווייטיק, ווען די שרייבער פון שלעכטע לידער וואָלטן געזען נייע גוטע מוסטערן פון פרייען פערז, און אויך פּרובירט. גראַמען אָן לידער קאָן מען שרייבן מער ווי לידער אָן גראַמען. אויף לידער אָן גראַמען און אָן טאַלענט קאָן מען לאַנג נישט עקזיסטירן.

גלאַטשטיין דערציילט, אין זיין אָפּשאַצונג פון סעגאַלאָוויטשן, וועגן אַ „אַ גאַנצן פּאַק לידער״, אין מאַנוסקריפּט, „דירעקט פון יאַמערטאַל. די לידער האָט געשריבן אַ יונג יידיש מיידל, וואָס איז איבער דריי יאָר געווען אין בוכענוואַלד״. אָבער דאָס זיינען האַרצרייסנדיק שלעכטע לידער. און ווייל אַזוי, זיינען זיי „אפילו . . . מאָגערער ווי דער מאָ־גערסטער רעפּאָרטאַזש פון בוכענוואַלד״.

ווייל דאָס לשון פון דעם קלאָגער, ווען ער אָדער זי האָט זיך גענומען צו דער פען, איז נישט אויטענטיש. אַלץ איז אויטענטיש, נאָר נישט דאָס לשון אויפן פּאַפּיר, נישט ווען עס וויל ווערן ליד. אפשר זיינען נאָך דאָ אַזעלכע, וואָס וועלן זיך אַנטפּלעקן מיט דער אויטענטיש־קייט פון אַ פּאָעט, אַ שרייבער. אַזעלכע זיינען געווען, זיינען דאָ, און פון די, וואָס זיינען פריער געווען — געציילטע זיינען געבליבן. דער ערש־טער צווישן זיי — א. סוצקעווער, ווען דער חורבן האָט געשטאַרקט, אים גרויס געמאַכט און זיין רום איז דער רום פון אַ מאַרטירער.

דער יידישער חורבן — צוליב איין אַנגעזעענעם יידישן שרייבער, וואָס האָט אַזוי נישט איבערגעלייגט דערקלערט, אַז קינות, ווייל געשריבן פון אַ פּאָעט אין אַמעריקע, אפשר „זיצנדיק אין אַ ווייכן שטול ביי אַ טעפּל הייסע קאַווע״, זיינען נישט עכט, מוז מען עס זאָגן אַזוי עלע־מענטאַר, אַז דער יידישער חורבן — איז נישט נאָר דער חורבן פון די, וואָס זיינען אומגעקומען און פון די, וואָס זיינען אַרויס פון גיהנום מיט אַ שאָטן פון לעבן. זיי זיינען די קדושים, די מאַרטירער. אָבער עס איז דער חורבן פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון יעדן ייד, אומעטום, און אַז אַ יידישער פּאָעט זאָגט קינות, זיינען דאָס קינות אויף זיין חורבן.

און די קלאָג לידער, די חורבן לידער, וואָס גלאַטשטיין האָט ביז

# געצעלטן

איצט געשריבן, זיינען קינות אויף זיין יידישן חורבן און אַזוי אויטענ־טיש ווי די לירישסטע פון זיינע לידער — און זייער איינדרוק, צוזאַמען, אַזוי געוואַלדיק.

ווייל גלאַטשטיין איז אַזוי אינטים מיט דעם יידישן לשון, ווייל דאָס לשון איז ביי אים פריי פון פאָרמעלקייטן, ווייל ער האָט עקספּערימענטירט און, נאָך מער, ווייל ער האָט אין דער אייגענער צייט דערציילט אַ מעשה אין זיינע לידער און געזונגען א ניגון, פון אָנהייב אָן — פון „פּאַלג איך נאָך דעם שטערן אין מערב זייט", ביז „דאָס פאָלקסליד זינגט דעם שניידער" — איז זיין לשון אַזוי רייך און אַזוי פאַרשטענדיק אין די טעג פון נאַציאָנאַלער טראַגעדיע.

אַזוי שעפעריש פאַרשטענדיק. און דאָס וואָרט וואונדערט. עס ווערט אַן אָנלען, אַ העכערע רעאַליטעט, אַ חלום־וואָר, וואו לעבן און טויט לעבן אין איינעם. עדות איז דער גרויסער אמת, אַז פון די אומגעקומענע אין געטאָ־אויפשטאַנד איז געוואָרן „איין געטלעכער אַנאָנים". און עדות זיינען מיר, וואָס „נאָך אַזויפיל טויטן שטייען מיר אויפסניי געבוירן". דער צווייפל אַליין איז אַן עדות, אַפילו די כפירה איז גלויבן. „גאָט פון מיין אומגלויבן", זאָגט ער אין דעם ליד „מיין וואָגל־ברודער".

און ווי גרויס עס איז דער פּאַטאָס אין די לידער — „דער גאָט פון טרויעריקן שבת", „נישט די מתים לויבן גאָט", „נאַכטלידער" — און וויפיל מאָל, ווען איך האָב געגומען לייענען „אָן יידן", האָט דאָס אויג זיך אומגעקערט צו איין וואָרט אין דעם אָנהייב, ווי אַזוי דאָס וואָרט שטייט אין דער שורה:

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.

חלילה איז דאָס וואָרט, דער פּלאַטער פון דעם וואָרט, און דער פּאַטאָס אין די לידער, וואָס פירט צו אַ נייער אַפירמאַציע פון לעבן.

איך שרייב, נישט האָבנדיק פאַר זיך זיין ניי בוך, „שטראַלנדיקע יידן", וואָס איז נאָך נישט דערשינען. איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף ביכער באַזונדער, אַפילו נישט דערמאָנט ביים נאָמען באַזונדער דערגרייכונגען אין די ביכער, ווי „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר", די ליבע לידער און לידער פון שאַרפער סאָציאַלער סאַטירע. איך האָב געוואָלט שרייבן אַ פאָרוואָרט, בעסער, וויזן דאָס הינטערלאַנד פון דעם דיכטער, דערציילער, קריטיקער און פובליציסט, פון וואַנען ער קומט.

אין דעם הינטערלאַנד בין איך אויף טשיקאַוועס פאַרבייגעגאַנגען די שפּראַך עקספּערימענטן אין פּראָזע: „ווען דזשאָיס וואָלט געשריבן יידיש", וואָס דזשאָיס וואָלט אַזוי נישט געשריבן, ווען ער וואָלט געשריבן יידיש, סיידן ער וואָלט אויך געווען גלאַטשטיין. דער פאַר־גלייך, דאַכט זיך מיר, איז ווי פון אַ קינסטלער אַ מאָנאַך און אַ יידישן

## ג ע צ ע ל ט ן

פאָעט מיט אַזאַ חוש פאַר שפּראַך הומאָר, אַז ער האָט דערזען ווי דאָס לשון אַליין קאָן לאַכן, ווי ווערטער צווישן זיך קאָנען שפּעטן, קאָנען אויף געלעכטער צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און ס׳זאָל זיך שאַפן אַ צירק פון שפּראַך־קוריאָזן מיט באַנאַליטעטן, וואָס גייען אום ווי די קלאָונען און מאַכן חוזק פון זיך אַליין.

דער ערנסט דערפון איז, וואָס דאָ ווערט אָנגעוויזן אויף אַן אומגעהייער עשירות פון יידישע שפּראַך מעגלעכקייטן. דערפאַר וועט עס אַוודאַי אַריינגענומען ווערן אין גלאַטשטיינס געזאַמלטע ווערק.

ווער עס קאָן זיך פאָרשטעלן גלאַטשטיינס אַלע ווערק, צוזאַמען, דער קאָן זען דעם דיכטער איבערראַשנדיקער ווי ער איז און די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — גרעסער ווי זי זעט אויס אין איר צעוואָרפנקייט און פאַרזעענקייט.

# III

אליעזר גרינבערג

# צען פאַרצייכענונגען וועגן גלאַטשטיינס שאפן

1

לויט יעקב גלאַטשטיינס טיף־איינגעבוירענע קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען און לויט זיין כמעט באַלדיקן באַהערשן יעדן זשאַנער אין דער שרייב־קונסט קאָן זיך שאַפן אַן איינדרוק, אַז ער געהערט צו די „וואונדער־קינדער" וואָס ווערן געבוירן מיט „אַ פען אין האַנט", און מער דאַרפן זיי שוין גאָרנישט, אַבי זיי האָבן טאַלאַנט.

נאַטירלעך, אַז מען אורטיילט אויבנאויפיק, בלויז אויפן סמך פון ריינער ווירטואָזיטעט און אַבסטראַקטער שפּראַך־מייסטערשאַפט, איז דער איינדרוק ניט ווייט פון אמת. אָבער דאָס איז בלויז אַזוי ווען מען אורטיילט אויבנאויפיק. ווייל אין תוך גענומען איז יעקב גלאַטשטיינס קינסטלערישע אַנטוויקלונג, און זיין שטייגן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נאָרמאַלע, בהדרגהדיקע, און אפשר טאַקע דערפאַר איז ער ערשט איצט, 31 יאָר נאָך זיין דעביו אין דער יידישער ליטעראַטור, מער פּראָדוקטיוו ווי אַלעמאָל, און זיינע לעצטע שאַפונגען זיינען איצט נאָך רייפער, נאָך וואָגיקער ווי אַלעמאָל.

2

שרייבן איז ביי יעקב גלאַטשטיינען די נאַטירלעכסטע פאָרם פון אַקטיוויטעט. שרייבן איז ביי אים ניט קיין געוואוינהייט און נישט די צווייטע נאַטור, נאָר די ערשטע. גלאַטשטיין געהערט צו די שרייבער

# געצעלטן

וואָס מיט זייער שרייבן ענטפערן זיי אויף דעם אינסטינקט פון זייער נאַטירלעכסטן באַרוף.

מיט דעם אַלץ, דערשיינט פונדעסטוועגן יעקב גלאַטשטיינס ערשט ביכל לידער ערשט אין 1921. און פאַרעפנטלעכן אַן ערשט ביכל לידער צו 25 יאָר איז פון ריינעם שטאַנדפונקט פון עלטער — דאָ רעדט זיך אַצינד לגמרי נישט וועגן קינסטלערישער דערגרייכונג — ווייט פון צו זיין אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, אַפילו אין לעבן פון אַזעלכע פּאָעטן וואָס זיינען ווייט ניט באַשאָנקען מיט יענער גרויסער מאָס נאַטירלעכן דיכטערישן באַרוף — ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם אָביעקט פון דער עסיי.

נאָך מער אויפפאַלנדיק, און באמת איבערראַשנדיק, איז גלאַטשטיינס שפּעטערדיקער פּראָזע־דעביו. דאָס איז באַזונדערס איבערראַשנדיק, ווען מען האָט אינזינען אַז ער האָט כמעט גלייכצייטיק, אין גאָר אַ פריער עלטער, אָנגעהויבן צו שרייבן אי דערציילונגען אי לידער; און אַז נאָך יאָרנלאַנג פאַרעפנטלעכן אין זשורנאַלן און צייטונגען (אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער אַ פּסעוודאָנים) צענדליקער און צענדליקער דערציילונגען, נאָך יאָרנלאַנג פאַרעפנטלעכן שאַרפע, אייגנאַרטיקע קריטישע און פּאָלעמישע עסייען — וואַגט ערשט גלאַטשטיין צום ערשטן מאָל, אַזוי שפּעט ווי אין 1940, אין עלטער פון 44 יאָר, אַרויסצוקומען מיט דעם ערשטן באַנד פון זיין רושם־מאַכנדיקער פּראָזע טרילאָגיע „יאָש", פון וועלכער עס זיינען ביז איצט בלויז דערשינען די ערשטע צוויי בענד; און אין 1947, אין עלטער פון 51 יאָר, וועט ערשט דערשיינען יעקב גלאַטשטיינס ערשטער באַנד עסייען.

איך האָב זיך בכיוון, באַלד ביים אָנהייב, אָפּגעשטעלט באַריכות אויף אַ פּאָר וויכטיקע ביאָ־ביבליאָגראַפישע דאַטעס אין שייכות מיט יעקב גלאַטשטיינס שאַפן, כדי צו באַווייזן ווי קריטיש גלאַטשטיין באַציט זיך צו זיין שרייבן, און אַז נישט געקוקט אויף דער גרויסער מאָס נאַטירלעכער באַגאַבונג, און אויף דעם כמעט באַלדיקן נאַטירלעכן באַהערשן יעדן זשאַנער אין דער שרייב־קונסט, — האָט ער דאָך נישט פאַרלאָזט זיך אויף דער „מוזע", אויף נסים. ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אויף זיך. ער האָט קיינמאָל נישט געלאָזט דאָס פּאַפּיר זאָל אָנקלייבן שטויב אויף זיך, און אַז זיין פּען זאָל נעמען זשאַווערן.

אמת, ער האָט נישט אַלעמאָל באַטראַכט פאַר וויכטיק צונויפצוזאַמלען און פּרעזערווירן פאַר דער אייביקייט אַלצדינג אויף וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין נאָמען, ער האָט אָבער נאָכאַנאַנד געמאַכט הכנות, שרייב־איבונגען, און נאָכאַנאַנד געגרייט זיך פאַר דעם שעת־הכושר. ער האָט נישט איינגעדרימלט אויף זיינע דערוואָרבענע לאָרבערקרענץ פון אָנערקענונג און אַ לעבנלאַנג זיך איינגעקלאַמערט אָן איין

# געצעלטן

טעמע. ער האָט תמיד געשריבן, און אין זיין שרייבן עקספּערימענטירט און געזוכט אַלעמאָל נייע און פּאַסיקערע פאָרמען פאַר זיין שאַפן; און אַלעמאָל געווען וואַך און עמפּינדלעך צו זאַכן און געשעענישן אַרום זיך.

3

פון די מאָגערע ביאָגראַפישע און אויטאָביאָגראַפישע ידיעות וואָס מיר האָבן דערוויַיל וועגן גלאַטשטיינען ווייסן מיר, אַז ער איז גע־בוירן געוואָרן אין דער עיר ואם בישראל, אין לובלין. אַ שטאָט וואָס האָט ביז דער פינצטערער ממשלה פון היטלערן געציילט אַרום 45 טויזנט יידן, פון וועלכע עס זיינען איצט בלויז פאַרבליבן אַכט הונדערט. דאָרט האָט חסידות געשלאָגן טיפע וואָרצלען. ס'האָט דאָרט געבליט אַ רייך־קאָלירפול יידיש לעבן. פון דאָרטן שטאַמען אַ צאָל גרויסע און טיפע יידישע פּערזענלעכקייטן, דער לובלינער „חוזה" און אַנדערע, וואָס האָבן לדורות געלאָזט זייער חותם אויף דעם גאַנג און געדאַנק פון דער יידישער געשיכטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען גלאַטשטיין פאַרלאָזט זיין היים־שטאָט לובלין, און וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע אין 1914, אין עלטער פון 18 יאָר, האָט ער שוין הינטער זיך אַ רייכע „שרייבערישע" פאַרגאַנגענהייט. אין עלטער פון צוועלף און דרייצן יאָר האָט ער שוין געהאַט באַזוכט אין וואַרשע נח פּרילוצקין, ה. ד. נאָמבערגן און י. ל. פּרצן, דעם טרעגער און אַרכיטעקט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, צו וועלכע גלאַטשטיין איז מסתמא עולה רגל געווען מיט זיינע כתבים, כדי צו קריגן ביי זיי סמיכות אויף שרייבעריי.

אין 1914 דעביוטירט ער ערשט אין אַמעריקע מיט אַ דערציילונג אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", וואָס ווערט רעדאַקטירט פון ש. יאַנאָווסקין, אין יענע יאָרן דער פּוסק אַחרון אין הילכות ליטעראַטור אין אַמעריקע. אַרום דער צייט דרוקט ער אויך אָפּ דאָרט אַ פּאָר לידער (אונטער אַ מיידלשן נאָמען) און ווערט אַנטשוויגן, און פאַרעפנטלעכט מער גאָרנישט ביז 1919.

פון די אָפּגעדרוקטע און נישט־געדרוקטע זאַכן נעמט ער נישט אַריין קיין אות אין זיין ערשטן בוך לידער וואָס הייסט „יעקב גלאַט־שטיין", און וואָס דערשיינט אין 1921.

4

אַ חוץ די גאָר ערשטע אָפּגעדרוקטע קוריאָזע פּרוּוון אין דער „פריַיע

# גרעצעלט

אַרבעטער שטימע" האָט יעקב גלאַטשטיין נישט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף אָנערקענונג אָדער, ווי מען רופט דאָס, רום.

ווייל נאָך איידער ער האָט באַוויזן אין 1921 צונויפצוזאַמלען צווישן צוויי טאָוולען זיינע ערשטע, אין זשורנאַלן שוין געדרוקטע, לידער, האָט ער זיך שוין געהאַט פריער דערוואָרבן אַן אוידיטאָריע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל ראַפינירטע יינגערע שרייבער, און אַ קליינע צאָל פון די בעסערע יידישע פּאָעזיע לייענער, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיינס אַ ניי ליד, און ווען ס'איז דערשינען האָבן זיי דאָס, כמעט אַלעמאָל, אויפגענומען מיט ליבשאַפט און ענטוזיאַזם.

אַזוי אַז די יאָרן 1919 און 1920 זיינען פיל וויכטיקער אין יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער אַנטוויקלונג ווי דאָס יאָר 1921, ווען עס דערשיינט זיין ערשט ביכל לידער, ווייל די לידער אין זיין ערשטן בוך זיינען שוין, ווי פריער געזאָגט, געווען געדרוקט אין זשורנאַלן.

אין 1919 הויבט אָן צו דערשיינען דער זשורנאַל „פּאָעזיע" רעדאַקטירט פון ה. גודעלמאַן, און נאָך צוויי יאָר שוויגן, אָדער נאָך עטלעכע יאָר נישט דרוקן, באַווייזט זיך דאָרט גלאַטשטיין מיט זיין ליד „1919", מיט זיין ליד „טירטל-טויבן", מיט זיין ליד „רויך", וואָס ציען באַלד אויפמערקזאַמקייט סיי צוליב די נייע אימאַזשן און אַסאָציאַציעס, סיי צוליב דעם נייעם און געוואַגטן אופן ווי אַזוי ער אָרקעסטרירט און ברענגט אַרויס אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און קאַלירפולע ריטמען אין זיינע לידער.

אַ קליינע צאָל סענסיטיווע יידישע לייענער פון פּאָעזיע שפּירט באַלד אין זיינע פריי-פערזן-לידער אַ נייע מוזיקאַלישע אינטאָנאַציע, די פרישקייט פון אַן אייגנאַרטיקער מעלאָדישער דיקציע; ווייל דער דיכטער פון די ערשטע לידער ווייסט שוין דעמאָלט נישט נאָר דעם כישוף ווי אַזוי מזווג צו זיין און ווי אַזוי צו מאַכן צום זינגען גאַנצע פערזן און שורות, נאָר ער ווייסט אויך ווי צו באַטאָנען איינציקע ווערטער, און אָפּטמאָל שפּאַלט ער אַפילו איינציקע ווערטער אויף באַזונדערע זילבן צוליב עפעקט, און כדי אַרויסצוקריגן דורך דעם נייעם עקספּערימענטאַלן צוזאַמענשטעל פון ווערטער — אַ נייע ווענדונג, אַ מער אָנרעגנדיקן אינהאַלט, און די דינסטע שפּראַך-ניואַנסן.

אַ וואָרט-סוגעסטיע איז גענוג אויף אָנצוצינדן זיין געדאַנק, צו נעמען פלאַטערן און אַרויסכישופן אַ געזאַנג (אָן גראַמען), און אַ באַשטימטע שוין לאַנג-פאַרגעסענע איבערלעבונג ווערט אַזוי אַרום אויפגעלעבט נישט דורך דעם געוויינלעכן אופן פון קאָנקרעטער, זאַכלעכער שילדערונג, נאָר אָפּטמאָל דורך אַ ניואַנס פון געדאַנק, אָפּטמאָל נישט מער ווי דורך דער סוגעסטיע פון אַן איינציק וואָרט, אָדער אַפילו פון אַן איינציקער זילב.

# גענצעלטן

מען קען באַלד זען פון גלאַטשטיינס ערשטע לידער, אַז ער קען אַלכעמיש אויסמישן און איינשטעלן האַרמאָניע צווישן דעם שאַרפן, דעם עקסטרעמסטן זיג־זאַגיקן געבראַזג פון מאָדערנער פּאָעזיע און דעם גערעדטן פייערלעך־רעטאָרישן אַנטיקן טאָן פון תנ״ך, וואָס איז דער סאַמע אָנזעעוודיקסטער קוואַל פון איינפלוס אויף זיינע ערשטע ווי אויף זיינע שפּעטערדיקע לידער. אַ ליבע־ליד אין זיין ערשטן בוך לידער הויבט זיך בײַ אים אָן באַלד, נישט געקוקט אויף אַלע קינסטלערישע פרייקייטן, אין דעם גוט־באַקאַנטן טראַדיציאָנעלן יידישן חדר־נוסח:

כ׳וועל זינגען אַ ליד צו מיין טרויעריק מיידל
אין דידאָזיקע ווערטער.

און אין דער אויסטערלישער, אינטערעסאַנטער סעריע קאָנטראַ־פּונקט־לידער „אין שניי־לאַנד״, אַ מוזיקאַלישע וואַריאַציע אין מעטער און ריטמיק לייענען מיר לידער, וואָס ס׳ווילט זיך זיי באַטאָנען מיט דעם נוסח ווי מען האָט געלערנט אין חדר:

פּאַרנעמט, איר הימל־באַוואוינערס,
דעם ריח פון אונדזערע געזעגנטע פּיש.

מיר טרעפן אויך אָן אין דערזעלבער סעריע מאָדנע צעשפּליטערונגען פון ווערטער, כדי גלייכצייטיק אַרויסצוברענגען דורך נייע קלאַנג־עפעקטן אי דאָס וואָקאַלע, אי כדי איבערצוגעבן דורך נייע מאָנאָטאָנע קלאַנגען־אַסאָציאַציעס דעם צושטאַנד פון לאַנגזאַמער, איינגעפרוירענער באַוועגלעכקייט; די שפּירונג פון פרעסט און קעלט:

. . . שטיי אויף מיין טרייע,
צי אַרויף דאָס בעסטע קלייד און וואַרט
ביז דער שטראַל וועט אַדורכשפּיזן
מיט רויטן גאָלד
אונדזער הויז פון אייז.
— — — — — — —
הערסט:
קלינ־קיל.
קלינ־קיל.
מאָר.
גען.
קומט.
מאָר.
גען.
קומט.

און פּלוצים, אין דערזעלביקער סעריע לידער, אַ מאָדנער מאַרש־טעמפּאָ, וואָס איז קורץ־אָטעמדיק און דאָך אָנגעצויגן. דאָס איז נישט קיין

# געצעלטן

איינפאַכע האַסטיקע מעלאָדישקייט, נאָר אַן עקספּלאָזיווע האַסטיקייט, פול מיט דיסאָנאַנסן, און איז באַוואוסטזיניק אָנגעפּראָפּט מיט געשפּאַנט־קייט פון אויסגעמאָסטענע, אָפּגעהאַקטע און בכיוון זיך איבערהאַקנדיקע, פּלוצימדיקע פּויזעס און אַקצענטירטע אָפּרו־פּונקטן:

בורי־באָם.
בורי־באָם.
אַלע וועלן גיין.
אַלע וועלן גיין.
אַלע. אַלע.
אַלע וועלן גיין.
קלאַפּ. קלאַפּ.
קלאַפּ. קלאַפּ.
שטיי.

ס'איז, נאַטירלעך, נישט דער זין, אָדער דאָס וואָס מען רופט רעאַליסטישער אינהאַלט וואָס אינטריגירט אונדז אין אַזעלכע קאָנאָטאַטיווע לידער. דאָ ווערן נישט איבערגעגעבן קיין פאַקטן. דאָ ווערן נישט געשילדערט גע־שעענישן אויף אַ רעאַליסטישן אופן. דאָ ווירקן ווערטער מיט זייער ביזאַרער מוזיקאַלישער אַראַנזשירונג נישט מיט דעם וואָס זיי דערציילן, נאָר פיל מער מיט זייער רעגן און סוגעסטירן, ווי דאָס דערגרייכט די מוזיק. אַזעלכע פאַלן באַשטעטיקן וואַלטער פּעיטערס באַרימטן קונסט־דעוויז, אַז „יעדע קונסט שטרעבט נאָכאַנאַנד צום שטאַנד פון דער מוזיק". דער מוזיק־מעטאָד אין פּאָעזיע איז נישט קיין נייעס. אַזוי, למשל, זעען אַ סך קריטיקער אין ט. ס. עליאָט'ס פּאָעמעס „פיר קוואַר־טעטן" דעם איינפלוס פון בעטהאָווענס לעצטע קוואַרטעטן.

גלאַטשטיינס איינגעבוירן געהער פאַר מוזיק וואָס איז אפשר, אין זיין פאַל, אַ ירושה־אייגנשאַפט העלפט אים ניט איין מאָל אַרויס אין אויסקויפן אַ ליד זיינס פון פאַרפּלאָנטערטקייטן און שטרויכלונגען, ווען אַלע אַנדערע קונסט־מיטלען וואָלטן אים ווייניק וואָס געקאָנט בייסטיין.

רעדנדיק וועגן יעקב גלאַטשטיינס מוזיקאַלישקייט, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער עלעמענט אין זיין דיכטונג, וואָלט געווען פּאַסיק דאָ זיך אָפּ־צושטעלן אויף זיין גענעאַלאָגיע, אויף זיין יחוס־שטאַם אין שייכות מיט דעם ענין. און כאָטש ס'איז גוט באַקאַנט אַז די מאָדערנע וויסנשאַפט אין די לעצטע יאָרן האָט היפּשלעך אונטערגעגראָבן און דיסקרעדיטירט די אין איין צייט באַגלויבטע טעאָריע פון איבערגייענדיקע ירושה־אייגנשאַפטן, דאָך ווילט זיך דאָ פאַרבייגייענדיק פאַרצייכענען, אַז יעקב גלאַטשטיינס פעטער, זיין טאַטנס ברודער, איז געווען דער לובלינער שטאָט־חזן, און אַז זיינע צוויי זין: יוסף שלמה גלאַטשטיין און יעקב גלאַטשטיין זיינען ביידע געווען מוזיקער. דער ערשטער איז געווען די־

# ג ע צ ע ל ט ן

ריגענט פון די יידישע ציש״אָ־שולן אין וואַרשע; דער צווייטער איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר, און געשריבן אַ סך מוזיק צו יידישע לידער; און אַז זיינס אַ יינגעלע פון 10 יאָר איז שוין באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מוזיקאַלישן עילוי. און — זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן — אַז זיי זיינען אַלע אומגעקומען פון דער מערדערישער נאַצי־האַנט.

5

אַז מען לייענט דורך פאָרזיכטיק יעקב גלאַטשטיינס ביז איצט דערשינענע ביכער לידער (און דאָסזעלביקע איז אויך אין אַ גרויסער מאָס חל אויף זיין פּראָזע, וואָס ווערט דאָ בלויז פאַרבייגייענדיק באַרירט אין דער עסיי), ווערן קלאָר די פאָלגנדיקע ריין־פאָרמעלע קונסט־שטריכן, מיט וועלכע זיין דיכטונג צייכנט זיך אויס: קודם־כל איז דאָס די ווירטואָזיטעט פון באַנוצן זיך מיט זיין שפּראַך־אינסטרומענט, מיט לשון־יידיש; ער ווייסט דעם סוד ווי אַזוי אַרויסצוכישופן יעדן קנייטש און קנייטשעלע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין יעדער איינציקן וואָרט פון אונדזער שפּראַך; ער קען מזווג זיין אין זיינע לידער נעאָלאָגיזמען, די נייסטע ווערטער מיט די אַנטיקע יידישע ווערטער און אויסדרוקן, און נישט פאַראורזאַכן צווישן זיי קיין ויתרוצצו. זיין לשון איז רייך אין אידיאָמען, און איז פול מיט פרישער, געוואַגטער בילדלעכקייט און אימאַזשן. דערפאַר איז נישט קיין וואונדער וואָס גלאַטשטיין זינגט נאָכאַנאַנד אָדעס צו ווערטער און צו דער יידישער שפּראַך: „אייביק איז דאָס זעקל ווערטער און שטראַלנדיק די טרייסט״. בכלל זיינען פאַר אים ווערטער— היעראָגליפן ,אָנגעלאָדן מיט אַ מיסטעריעזן כוח און מיט אַ מיסטישן באַרוף; און פאַר יידישע ווערטער האָט ער בלויז שטוין און באַוואונדערונג. מען טרעפט אָן אין זיינע לידער אומצאָליקע מאָל אַ דראַנג צו דערגרונטעווען זיך צום סוד פון ווערטער, אַ דראַנג וואָס איז שוין קאַנטיק אין זיינע ערשטע לידער און ווערט אַלץ מער אָנגעזען אין זיינע שפּעטערדיקע לידער. אין זיין צווייטן בוך לידער „פרייע פערזן״, פון וועלכן איך ציטיר דאָ אַרויסגעריסענע שורות פון פאַרשיידענע לידער, קאָן מען לייכט זען ווי פאַרגאַפט און באַרוישט ער איז פון די סודות און רעטענישן, וואָס שלומערן אין ווערטער:

. . . ס׳קומען אָן מיינע פריינט, מיר זיצן אַלע אין גערטנדל  
אוןריידן וועגן סודות פון ווערטער.  
מיר זיצן אויף ווייכע קישנס און ריידן  
פון אייביקייט, טויט און גראַמאַטיק.

און אין דעם ליד „דריי״, געווידמעט זיין חבר, דעם דיכטער און דערציילער ב. אַלקוויטן, לייענען מיר:

. . . דריי טרעטן שטיל אויף זייערע אייגענע שאָטנס  
און קוקן אויפן זונפאַרגאַנג.

# געצעלטן

און אין אַלע דריי דרימלען ווערטער.
און אַרום אָרט, וואו עס דרימלען ווערטער,
פאַרגייען מעלאַנכאָליש דריי זונען . . .

אין זיין דריטן בוך לידער „קרעדאָס" (1929) ווערט אין זיין ליד „ניי־וואָרט" נאָך שאַרפער אַרויסגעבראַכט די שליחותן וואָס ער דער־וואַרט דאָס „וואָרט" זאָל דורכפירן:

קאַטאַלאָגירן אַלץ וואָס איז אומפאַרשטענדלעך וואָלט איך
מיט דעם פלאַטער פון אַ וואָרט.
— — — — — — — — — — —
פאַרשרייבן אַלץ וואָס אומבאַגרייפלעך וואָלט איך
מיט דעם גלי פון אַ וואָרט.
— — — — — — — — — — —
אַלץ איז ניי פאָר וואָרט און ליים.
אַלץ איז קלאָר און אַלץ געהיים.
אַלץ איז וואָרט וואָס האָט נאָר קלאַנג.
אַלץ געזאַנג . . .

און ווען ס׳קומט צו יידישע ווערטער לייגט ער אַריין דעם פאָלגנ־דיקן שבח אין מויל פון זיין ליבלינג־העלד, וועלכן ער פירט אַרויס אין זיין צווייטן באַנד „יאָש": „איר האָט אַמאָל געלייענט דעם בראַצלאַווערס אַ מעשהלע? אָט איז מיין העלד פון חסידות. איך בין פאַרליבט אין אים, איך טראַכט וועגן אים גאַנצע טעג. ער איז געווען אַ מחדש און ער האָט ליב געהאַט יידיש. איר האָט כאָטש אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ וואונדערלעך לשון דאָס איז?" אַזוי מאַכט גלאַטשטיין צום רעדן זיין אויסטערלישן יוגנטלעכן העלד וועגן יידיש. דערזעלבער העלד וואָס זאָגט וועגן זיך אַליין: „איך וויל זיין אַ מחדש . . . איך וויל קומען פון אינעווייניק, איך וויל באַנייען דעם גאַנצן יידישן געדאַנק", און וואָס טרעט צו מיט שאַרפן אַנאַליז צו פיל אַנגענומענע אמתן אין אונדזער ליטעראַטור.

דער צווייטער וויכטיקסטער הויפטשטריך אין גלאַטשטיינס שאַפן — איז, ווי פריער געזאָגט, זיין סובטילער חוש־השמיעה, זיין אויער פאַר נגינה: ער וואַריאירט אין זיינע לידער מיט טענער, באַטאָנונגען און מאָדולאַציעס. די מוזיקאַלישקייט פון זיין דיכטונג איז נישט באַגרענעצט בלויז צו שטימונגספולער, מעלאָדישער פלייטן־מוזיק, אָפטמאָל גייט ער פלוצים איבער און ווערט דזשאַזיש־סינקאָפּאַטיש, און דערנאָך קאָן ער ווידער יידישלעך־טראַדיציאָנעל אַ קרעכץ טאָן ווי אַ פידעלע. אַזוי, למשל, מאַכט ער דעם בראַצלאַווער, אין זיין באַרימטער פאָעמע „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר" — גלייכצייטיק צום רעדן אי די טיפס־טע אינטעלעקטואַלסטע געדאַנקען, אי „שטיקער פּראָזע צעשטעלט

# געצעלטן

אין אַ פּייערלעכער אָרדענונג". אָט זיינען ציטאַטן פון ביידע מינים אין דער בראַצלאַווער פּאָעמע:

כ׳האָב זיך דערהונגערט,
ביז צום טעם פון ברויט מיט פּוטער
און גופיק טראַכטן.
כ׳בין געגאַנגען און מיין גוף איז געגאַנגען מיט מיר,
און ס׳איז נישט געווען קיין איין געדאַנק,
וואָס האָט נישט דורכגעשטראַלט מיין הויט און ביינער.

און פּלוצים:

. . . כ׳וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט היינט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.

———————

לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך
און זיך אויפכאַפּן אַנטקעגן אַ צעפּלאַמטן מזרח.

אָט די פּראָזאַאיזמען פירט גלאַטשטיין באַוואוסטזיניק אַריין אין זיין דיכטונג, ווייל זיי העלפן צעמענטירן די עלעמענטן פון „ריינער" פּאָעזיע, און מאַכן די שורות קרעפטיקער, מענלעכער. גלאַטשטיינען געלינגט מיט דעם אין אַ סך לידער, ווי אויך אין דער פּאָעמע „דער בראַצלאַווער אין אַ נאַכט פון ירידה", פון זיין נייעם בוך לידער „שטראַלנדיקע יידן", 1946, מייסטערהאַפט אַרויסצוברענגען דאָס עקסטאַטיש־קאָמפּליצירטע געשטאַלט פון דעם בראַצלאַווער — ווייל אינטעלעקטואַלע קאָמפּליצירטקייטן געמישט מיט דער רעאַליטעט פון דעם ערדישן, מיט דעם וואָס איז מענטשלעך, אַלץ צו מענטשלעך — זיינען אים נאָענט און אייגן.

און מער פון אַלץ דערפאַר — ווייל דער בראַצלאַווער האָט אַזוי אונטערגעשטראָכן אין אַלץ די וויכטיקייט פון געזאַנג, מוזיק, נגינה. איז דאָך דער בראַצלאַווער, ווי חסידות בכלל, באַשטאַנען, אַז „געזאַנג איז די נשמה פון דער וועלט", אַז „דער כסא הכבוד אָטעמט מיט מוזיק", און אַז עס זיינען פאַראַן הימל־ספערן וואָס עפענען זיך בלויז דורך געזאַנג. און ווייל דאָס אַלץ איז אַזוי נאָענט, אייגן און אייגנטלעך גלאַטשטיינען, דערפאַר האָט ער זיך געקאָנט אַריינלעבן אין דער שירה־וועלט פון דעם בראַצלאַווער, און ס׳איז דערפאַר אויך נאַטירלעך אַז (גלאַטשטיינס) בראַצלאַווער זאָל פאַרזאָגן זיין סופר:

דערימאַך, זאָג איך דיר נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען וואוינען אין לב.

אַ סך פון גלאַטשטיינס לידער זיינען טאַקע אָפּטמאָל „נאָטן צו געזאַנגען", און ס׳איז זיי שווער צו באַנעמען בלויז מיט ריינער לאָגיק.

# געצעלטן

ווי סור־רעאַליסטישע געמעלן פאָדערן זיי אָפט פון לייענער, ער זאָל זיי שנעל נאָכפליען מיטן געדאַנק. דאָס זיינען מער „פאַנטאַסמאַגאָריעס פון חלומות״ ווי טעמעס און סוזשעטן. (אַ סך פון גלאַטשטיינס לידער פאַרמאָגן גראָד טעמעס און סוזשעטן!) זיי זיינען אָבער נישט פון ערשטער וויכטיקייט אין זיין דיכטונג. אין פּראָצעס פון שאַפן, זעט שוין גלאַטשטיין, אַז די טעמע אָדער דער סוזשעט זאָלן אַזוי ווייט ווי מעגלעך זיך אויפלייזן אין געזאַנג, אַז די טעמע זאָל ניט מער ווי סוגעסטירט ווערן. ער ברענגט דאָס קלאָר אַרויס אין זיין עסיי וועגן י. ל. פּרצ׳ס „מאָניש״, וואו ער אונטערשטרייכט: אַפילו די קלאָרסטע פּאָעטישע שורות דאַרפן זיין אַ ביסל פאַרהויכט, כדי מען זאָל דורך זיי נישט קענען זען אַלץ. די קלאָרקייט״, זאָגט ער ווייטער, „מוז אויך פאַרמאָגן די דימענסיע פון פאַרקלערטקייט, און פּאָעזיע איז פאַרקלערטע קלאָרקייט״.

גלאַטשטיין זעט קיינמאָל נישט מענטשן, זאַכן, געשעענישן, בלויז דורך דער פּריזמע פון איין דימענסיע. אים איז נאָענט „אַלקאָלירטע רעדעריי, אַלצעצונגטע שפּראַכעריי, אַלגעפאַרבגעדאַנקעריי״. און כאָטש קאָמפּאָזיציאָנעל זיינען זיינע לידער באַדאַכט און אַלגעבראַאיש, איז אָבער דאָס אינערלעכע וועזן פון זיינע שורות אַלעמאָל ליריש־מעלאַנכאָליש, און אַ לייכטער טרויער געמישט מיט איראָניע און קלוגן שמייכל זיינען כמעט אַלעמאָל גובר דאָס ריין־צערעבראַלע אין זיינע לידער, וואָס וויל אָפטמאָל „פאַררעדן די ציין״, און אויסלעשן דאָס לירישע פייער אין זיינע שורות.

גלאַטשטיין באַנעמט זאַכן אַנאַליטיש, מיטן שכל. אָבער דער גאַנג פון געשעענישן און האַנדלונגען רופן ביי אים אַרויס אַלעמאָל, אינטואַיטיוו, לירישע השתפכות־הנפשן וועגן דער באַגרענעצטקייט פון מענטשלעכן שכל, וועגן דער מיסטעריע פון אייביקע סודות; און דאָס איז גורם אַז דאָס ריין־אַנאַליטישע אין זיינע שאַפונגען זאָל באַשיידן אָפּטרעטן פאַר דעם לירישן, פאַר דעם אינטואיטיוון, ווען דער שכל און די חכמה העלפן סיי־ווי־סיי נישט צו לייזן די אייביקע רעטענישן און סתירות אין מענטשן. דעמאָלט ווייסט ער, אַז — „ס׳איז פון דעם פלאַטערדיקן ראָד פון טרויעריקן געוויינלעך ניט צו אַנטלויפן״.

און —

איך בין איר און ס׳איז מיר אומפאַרשטענדלעך יעדער איינער מענטש.
ס׳איז מיר אומפאַרשטענדלעך אַלץ און קלאָר און אָנגעמבאַר.

און אַז די טיפסטע חכמה פון ספרים איז דאָך ניט מער ווי:

פינצטער וויסן פון מיין ביכער־שראַנק
אָפּגעריבענע אויפשריפטן אויף אָבעליסקן.

ער זעט אין די מיסטעריעס און רעטענישן אַן אייביקע שפּיל פון בלינדע כוחות, און אפשר טאַקע דערפאַר טרעט אָפּ דער אַנאַליטיקער אין אים

# געצעלטן

דעם וועג פֿאַר דעם עמאָציאָנעלן אַלטער עגאָ, און דער ערשטער ווערט אין פֿאַרלויף פֿון רעזומירן לירישׂ און באַשיידן:

אַ שבֿח גיב איך אָפּ צו דעם וואָס טרייבט דעם גאַנצן קאַטאָוועס,
וואָרן ער האָט מיר געגעבן אַ פֿונק פֿון זיין חוזק
און אַ גליענדע קויל פֿון זיין שפּאַס.

עס וועט נאָך אפשר לוינען שפּעטער זיך אומצוקערן צו דעם ענין, איך וויל אָבער דאָ פֿריער פֿאַרצייכענען אַ געשיכטלעכן עפּיזאָד אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, און וואָס האָט אויך אַ נאָענטע שייכות מיט דעם אָביעקט פֿון דער עסיי.

6

אַן אויספירלעכע און גרינטלעכע שטודיע פֿון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע וועט פֿאָדערן פֿון יעדן ערנסטן ליטעראַטור־קריטיקער, ער זאָל זיך אָפּשטעלן באַריכות און גרינטלעך אויספֿאָרשן צוויי ריכטונגען, אָדער צוויי „שולעס" אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער פּאָעזיע דאָ אין לאַנד, ווי אויך די באַזונדערע דיכטערישע דערגרייכונגען און בייטראָגן פֿון די יעניקע דיכטער, וואָס זיינען געווען שעפֿעריש־אַקטיוו, און וואָס זיינען גורם געווען דורך זייער שעפֿערישקייט אין אויסטיילן און באַשטימען די היסטאָרישע וויכטיקייט פֿון די צוויי דאַטעס. (אויך אַ גרינטלעכע קריטישע אַרבעט בלויז וועגן די צוויי ריכטונגען קען זיין אַן אינטערעסאַנטע שטודיע, און וואַרט אויף דעם אָביעקטיוון קריטיקער ער זאָל זיך אונטערנעמען די אַרבעט).

און דאָס ווערט נישט געזאָגט דערפֿאַר ווייל יעדער דיכטער וואָס האָט באַלאַנגט צו איינער פֿון די צוויי ריכטונגען, וואָס איך וועל דאָ דערמאָנען, איז גראַד פֿון די גרעסטע, פֿון די וויכטיקסטע יידישע דיכטער; נאָר דערפֿאַר ווייל, לויט מיין מיינונג, זיינען די צוויי דאַטעס אַן אינטער־רעסאַנט און וויכטיק ליטעראַריש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

צום ערשטן מאָל וואָס צוויי פֿאַרשיידענע אויסגעשפּראָכענע קונסט „שולעס" טרעפֿן זיך אָן אין דער יידישער ליטעראַטור, און יידישע דיכטער פֿירן אַ קאַמף פֿאַר צוויי פֿאַרשידענע און פֿאַרשידנאַרטיקע קונסט־אַנשויאונגען.

די ערשטע דאַטע האָט פֿאַרצייכנט ביים אָנהייב פֿון הייַנטיקן יאָר־הונדערט די גרופּע „יונגע", מיט זייער עסטעטישער אַנשויאונג פֿון קונסט ,מיט זייער קאַמף פֿאַר דעם שטילן, ליריש־שטימונגספֿולן ליד, וואָס האָט געוויכט פֿון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעמעס, און וואָס איז אין תוך געווען אַ מין רעאַקציע קעגן זייערע פֿאָרגייער פֿון „סאָציאַלער באָמבאַסטיק", קעגן זייער פּאַרוואָרלאָזט לשון; און די צווייטע דאַטע

# געצעלטן

האָט אַריינגעשריבן די גרופּע „אינזיכיסטן", דורך אַקצענטירן דאָס באַוואוסטזיניק־לאַבאַראַטאָרישע אין זייער קונסט־אַנשויאונג, מיט זייער קאַמף פאַר אַ וואַריאַציע פון טעמעס וואָס זאָל אויך איינשליסן נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע טעמאַטיק; מיט זייער אַקצענטירן די וויכטיקייט פון פרייע אַסאָציאַציעס, פון באַנעמען קאַליידאָסקאָפּיש געשעענישן, און הויפּטזאַכלעך מיט דעם, וואָס זיי האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר דער פול־באַרעכטיקטער אַנערקענונג פון דעם פרייען פערז, אַנשטאָט דער כמעט אויסשליסלעכער פּרעפערענץ פון דעם קלאַסיש־געגראַמטן פערז, ווי דאָס האָבן געפּרעדיקט און פּראַקטיצירט ביז זיי זייערע פאָרגייער — די „יונגע".

אין דער עסיי „אינטראָספּעקטיוויזם", וואָס באַגלייט אַרויס די „אינזיך אַנטאָלאָגיע", אין 1920, לייענען מיר:

„... סיי די אינטראָספּעקטיוויטעט פון דעם ליד סיי די אינדיווידואַליטעט מוזן זיך באַדינען מיט דער סוגעסטיע און מיט דער אַסאָציאַציע, כדי צו קומען צו דעם פולן אויסדרוק . . . מיר אינטראָספּעקטיוויסטן גלויבן אַז דער פרייער פערז איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר דער אינדיווידואַליטעט פון ריטם און דערפאַר, און ניט צוליב קיין אַנדער אורזאַך, ציען מיר אים פאָר צו אַנדערע פערזן".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט באַריכות אויף אַן עפּיזאָד, וואָס קאָן אויסזען פון אויבנאויף אַז דאָס האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם אָביעקט פון דער אַרבעט. אָבער אין דער אמתן קאָן זיך אַ שטודיע פון איינעם פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון די אינזיכיסטן נישט דערלויבן דעם לוקסוס אינגאַנצן אויסצולאָזן די געבורט־דאַטע פון דער אינטראָספּעקטיוויער ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע. באַזונדערס, ווען דער דיכטער האָט אַנגעווענדט און פּראַקטיצירט אין אַ סך פון זיינע לידער, — ביז דער העכסטער מאָס — די קונסט־דעקלאַראַציעס, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן סיי אַלס אַן הקדמה צו דער „אינזיך אַנטאָלאָגיע", אין 1920, סיי אין דעם ערשטן נומער פון דעם זשורנאַל „אינזיך", אין דעמזעלביקן יאָר, און וואו אויףביידע ערטער זיינען אונטערגעשריבן די דריי רעדאַקטאָרן און דריי פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער ריכטונג: א. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו און יעקב גלאַטשטיין.

אין דעם זשורנאַל „אינזיך" (וואָס דערשיינט, שטעלט זיך אָפּ און דערשיינט ווידער פון 1920 ביז 1938) דרוקט גלאַטשטיין כמעט אַלע לידער פון זיין ערשטן בוך „יעקב גלאַטשטיין", 1921; די מערסטע לידער פון זיין צווייטן בוך „פרייע פערזן", 1926; די מערסטע לידער פון זיין דריטן בוך „קרעדאָס", 1929; די מערסטע לידער פון זיין פערטן בוך „יידישטייטשן", 1937; און זיין ערשטן באַנד פּראָזע „ווען

# געצעלטן

יאַש איז געקומען", 1938. אַן אויסנאַם זיינען בלויז זיינע פאָלגנדיקע ביכער (ווען דער „אינזיך" הערט אויף צו דערשיינען): די נאָוועלע „עמיל און קאַרל", 1940; דער צווייטער באַנד „ווען יאַש איז געקומען", 1940; זיין בוך „געדענקלידער", 1943; און זיין נייעסטער, זעקסטער בוך לידער „שטראַלנדיקע יידן", 1946.

די וויכטיקייט פון דעם אַלץ באַשטייט, נאַטירלעך, נישט בלויז אין דעם פאַקט וואָס גלאַטשטיין האָט גראַד אין „אינזיך„ און נישט ערגעץ אַנדערש געדרוקט די מערסטע פון זיינע שאַפונגען, נאָר אין דעם, וואָס די פּראָקלאַמירטע קונסט־פּראָגראַם פון דער אינטראָספּעקטיווער ריכטונג האָט, אין די מערסטע פאַלן, אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן האַרמאָנירט מיט גלאַטשטיינס נאַטירלעכן קינסטלערישן אויסדרוק.

עס וואָלט באַדאַרפט זיין איבעריק דאָ אונטערצושטרייכן, אַז די בעסטע און טיפסטע קונסט־ריכטונג אָדער שולע קאָנען קיינמאָל נישט צוטיילן קיין טאַלאַנט; אַז די בעסטע ריכטונג איז קיינמאָל נישט קיין גאַראַנטיע פאַר סענסיביליטעט און קינסטלערישן אויסדרוק. נאָך מער, אַ ריכטונג קאָן אויך ווערן אַ שטער און אַ צאַם. אַ ריכטונג קאָן באַזונדערס ווערן שעדלעך און אַ געפאַר פאַר די יעניקע, וואָס זוכן באַוואוסטזיניק זיך צוצופּאַסן אין זייער שאַפן צו פאָראויס באַשטימטע רעגלען פון אַ ריכטונג. עס זיינען אָבער פאַראַן פאַלן, ווען אַ ריכטונג העלפט אַ קינסטלער אין זעלבסטדערקענטעניס, און ווירקט אויף אים, ער זאָל שנעלער באַגרייפן אין וואָס פאַר אַ דירעקציע עס ליגט זיין כוח. אין דעם באַשטימטן פאַל האָט דער דיכטער נישט באַדאַרפט זיך צופּאַסן אָדער מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט זיין טאַלאַנט, כדי נאָכצוקומען די פאָדערונג פון לאָזן פריי זיך פירן אין זיינע עקספּערימענט־לידער, פון שנעלע און וויט־לויפנדיקע אַסאָציאַציעס. ער האָט אויך נישט באַדאַרפט זיך מאַטערן אויף פרישע אימאַזשן. און עס איז זיכער שווער נישט אָנגעקומען (ווי עס ווייזן זיינע לידער) צו באַהערשן די פאָרם פון פרייען פערז, וואָס איז ווייט פון צו זיין אַזוי לייכט און אַזוי פריי, ווי ס'קלינגט דער פאַרפירערישער נאָמען פון דער פאָרם. גלאַטשטיין האָט אין בוך נאָך בוך געשריבן לידער אין פרייען פערז, און האָט אַרויסגעשלאָגן, אין לידער אָן גראַמען, אַ וואונדערלעכע און אייגנאַרטיקע מוזיק, אַ וואַריאַציע פון ריטמען און אַלערליי שפּראַך־ניואַנסן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם „ברייטן זאָג" אין דער פּאָעזיע וואָס ווערט נישט נאָר רעקאָמענדירט פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי קאָלרידזש, נאָר וואָס איז באַשטאַנען:

“Poetry ought not always to have its highest relish.”

אין איינער פון זיינע לעצטנס פאַרעפנטלעכטע עסייען „פאָרם און אינהאַלט" רעמיניסצירט גלאַטשטיין און קומט אין דער עסיי צום שלוס, אַז „די אימאַזשיניסטן וואָס זיינען געווען קלענערע דיכטערישע פיגורן

# געצעלטן

ווי וויטמאַן האָבן מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם ברייטן זאָג אַליין און אויף דעם פולס פון גערעדטן וואָרט. זיי האָבן געזוכט זיך צו צאַמען, כדי זיי זאָלן נישט קומען צו דער פּראָזע. וויטמאַן האָט נישט מורא געהאַט פאַר איר. ער האָט גענומען שטיקער פּראָזע און זיי צעשטעלט אין אַ פייערלעכער אָרדענונג.

די אינזיכיסטן וואָס האָבן געבראַכט דעם פרייען פערז אין דער יידישער פּאָעזיע האָבן אויך מיטגעבראַכט די טריאומפן און דורכפאַלן פון דעם נייעם דיכטערישן געווער... אויך זיי האָבן געזוכט אין יידיש מעגלעכקייטן פאַר אַ נייער מוזיקאַלישקייט (קורסיוו — א. ג.) וואָס איז ניט אָפּהענגיק אין גראַם און אין דער געמאָסטנקייט פון זילבן . . . אָבער די נייע דיכטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער פרייער פערז איז נישט נייער אויסטייל פון ווערטער, נאָר אַ נייער צוגאַנג צו די מוזיקאַלישע מעגלעכקייטן פון יידיש . . . דער פלירט מיט פּראָזע עלעמענטן איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער".

אַליין אַ גרויסער חסיד פון וואלט וויטמאַן, האָט אָבער גלאַטשטיין דערלערנט די קונסט פון פרייען פערז ביי דיזעלביקע סאַמע גרעסטע און טיפסטע פּאָעטן — פון וועלכע וואלט וויטמאַן אַליין איז באַאיינפלוסט געוואָרן, און ביי וועלכע וואָלט וויטמאַן אַליין האָט זיך געלערנט — ביי אונדזערע נביאים. ווייל, ווי ס'איז באַלד ביים אָנהייב נאָך באַמערקט געוואָרן, איז דער פייערלעך־רעטאָרישער אַנטיקער טאָן פון תנ"ך דער סאַמע אָנזעעוודיקסטער קוואַל פון איינפלוס אויף גלאַטשטיינס ערשטע ווי אויף זיינע שפּעטערדיקע לידער.

און אַז דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן ,וועגן דעם קוואַל פון איינפלוס אויף גלאַטשטיינס דיכטונג, איז נישט גלאַט אַן השערה, קאָן מען זען אין דעם ווי אַזוי גלאַטשטיינס זעכצן יעריקער עילוי, אין צווייטן באַנד „יאַש", פאַרשטייט די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור. גלאַט־שטיינס העלד באַמערקט וועגן ליטעראַטור דאָס פאָלגנדיקע : „אונדזער מיסיע מוז אַריין ווי אַ דיבוק אין אונדזער ליטעראַטור. זי מוז זיין רייכער און דערהויבענער פון אַנדערע ליטעראַטורן. גראד די אומות העולם האָבן זיך געלאָזט באַווירקן פון דער ביבל און זייערע ליטעראַטורן האָבן אַרויסגעגעבן ריזן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ביבל. אָבער מיר יידן האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו אונדזער ספר הספרים."

## 7

יאָרנלאַנג איז גלאַטשטיין געווען דער אייביק־זוכנדיקער, וואַגנדיק־עקספּערימענטאַלער און אינטריגירנדיקער פּאָעט אין דער יידיש־אַמערי־קאַנער פּאָעזיע,—אָבער נישט פון אַ באַשטימטער טעמאַטיק. ס'איז טייל־

# געצעלטן

ווייז פאַרשטענדלעך: נישט ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין ווידערהאָלן אַ טעמע ביז נודנאָטע, און נישט ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם כּוח פון אַ סוזשעט. ווייל לויט דעם אופן ווי גלאַטשטיין באַהאַנדלט אַ טעמע איז דאָס דערציילטע ניט וויכטיקער פון דעם ווי דאָס ווערט אַנגעדייט און סוגעסטירט. און גלאַטשטיינס דיכטונג איז גראַד רייך אין טעמעס, און אָפּטמאָל פאַרמאָגט זי נאָך אויסטערלישע טעמעס: ער שרייבט אַ ליד „אַרטעריאָסקלעראָזיס" און אַ ליד „אבישג", אַ ליד „דזשאָז פון פאַבריקן מיסט" און אַ ליד „שאול", אַ ליד „שיני מייק" און אַ ליד „יאָסל לאָקש פון כעלעם", און אָפּטמאָל איז דווקא זיינס אַ קורץ ליד אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישער און פּסיכאָלאָגישער געשפּאַנטקייט ווי אַ גאַנצער ראָמאַן. אין זיין ליד „אוּונטברויט" שילדערט ער אין 36 שורות אַ דראַנגעדיקע אייפערזוכט-געשפּאַנטקייט אויף אַ זעלטן עמאָציאָנעל-קאָנטראָלירטן און סובטיל-פּסיכאָלאָגישן אופן. און אויך דאָ ווירקט ער נישט מיטן רעאַליזם פון דעם וואָס געשעט — ווייל געשען געשעט גאָרנישט — ער זינגט בלויז אויס דורך שווייגן און אויסשווייגן דעם אינערלעכן אַנגסטיקן געמיט-צושטאַנד פון אַ „דריילינג" וואָס עסן „אוּונט-ברויט" מיט אייפערזוכט, און ווי אַ מעסער טאַנצט פון האַנט צו האַנט. איך ברענג דאָ בלויז די פינאַלע פון ליד אַלס אַ מוסטער פון דעם פריער-דערמאָנטן קינסטלערישן מעטאָד:

... שויבן פאַרפלייצט מיט קאָליר און גע־זאַנג.  
דאָס מעסער פאַרמאַטערט פון רויטן פאַרלאַנג,  
שטיל זיצן אַרום טיש שווייגנדיק געסט —  
איך און זי און נאָך אַ זי.  
דאָס מעסער טאַנצט פון מיר צו איר און פון איר צו מיר.  
און שווייגנדיק עסן מיר פון ליבע און האַס  
דאָס אָוונטברויט.

אים געלינגט אויף אַן ענלעכן מייסטערהאַפטן אופן איבערצוגעבן אין 32 שורות, אין זיין ליד „זילבערשרעקן", די דינסטע שרעק-אַנונגען וואָס אַ באַלעגאָלע לעבט איבער אַ נאַכט — דורפאַרנדיק אַ וואַלד, און ווען פון שרעק נעמט זיך אים אויסדאַכטן אַז סע פאַרפאָלגט אים אַ וואַלד-גזלן. האַלוצינאַציעס, שרעקן, שפּירונגען קומען אַלעמאָל אַרויס מייס-טערהאַפט ביי גלאַטשטיינען, און מיט פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט און צמצום פון אַ פראַנץ קאַפקאַ געלינגט אים צו שילדערן די מאָדנע שפּירונגען פון דעם, פון שרעק באַהערשטן, באַלעגאָלע. אין אַזעלכע קאָמפּליצירטע לידער ווייסט מען נישט וואו די טעמע און וואו די באַהאַנדלונג פון דער טעמע פאַנגען זיך אָן. זיי זיינען ביידע איינס. גלאַטשטיין ווייסט ווי וויכטיק עס איז דער אויסוואַל פון אַ טעמע, ער פאַרלאָזט זיך אָבער נישט, ווי אַנדערע דיכטער, אַז דער טעמאַטישער מאַטעריאַל

זאָל אים אַרויסהעלפן אין באַהערשן די קינסטלערישע פאָרם. „דער טויט פון דעם בראָנזוועלער שניידער נייטען", שרייבט גלאַטשטיין וועגן קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס נייע לידער, „איז געשילדערט מיט אַ זעלטענער קראַפט. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט דאָ אַ טעמע, וואָס לאָזט זיך דערציילן. דער מאַן וואָס איז אַוועק פון ווייב, חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער . . . דאָס איז אַלץ טעמאַטישער מאַטעריאַל, וואָס באַצווינגט און דיסציפּלינירט די דיכטערין. און ווייל זי ווייסט אַז זי האָט אַ טעמע פילט זי זיך פריי אין איר דיסציפּלין"... („יידשער קעמפער", 29־טער נאָוו., 1946).

אין דער עסיי „די מוזיק פון פּאָעזיע" באַמערקט, פאַרבייגייענדיק, דער פּאָעט און אַנאַליטישער קריטיקער ט. ס. עליאָט דאָס פאָלגנדיקע וועגן פּאָעטן וואָס שרייבן אויך קריטיק: „דער פּאָעט, ווען רעדט אָדער שרייבט וועגן פּאָעזיע, האָט אייגנטימלעכע קוואַליפיקאַציעס און אייגנטימלעכע באַגרענעצטקייטן... אָבער איך גלויב אַז די קריטיק פון פּאָעטן, פון וועלכע מיר האָבן פון דער פאַרגאַנגענהייט זייער אויסגעצייכנטע מוסטערן, שטאַמט ביז אַ גרויסער מאָס פון זייער אינטערעס אין דעם פאַקט וואָס פון אונטער דעם פּאָעטס מוח, אויב נישט מיט זיין אויגנשיינלעכן צוועק, פּרובירט ער אַלעמאָל פאַרטיידיקן דעם מין פּאָעזיע וואָס ער אַליין שרייבט, אָדער צו פאָרמולירן דעם מין פּאָעזיע וואָס ער וויל שרייבן."

ווען מיר נעמען אָן אַט דעם דעוויז און ווענדן אים אָן אויף יעקב גלאַטשטיינס קריטישע עסייען וועגן ביכער און שרייבער, וואָס ער פאַרעפנטלעכט וועכנטלעך, שוין איבער אַ יאָר, אין „יידישן קעמפער" — קאָן דער דעוויז אונדז דינען ווי אַ שליסל צו יעקב גלאַטשטיינס לאַבאָראַטאָריע פון קריטיק. דער אויפּטו פון יעקב גלאַטשטיינס עסייען — (און איך שטעל זיך דאָ אָפּ אויף זיי בלויז פאַרבייגייענדיק) — איז אומגעפער דערזעלביקער ווי פון זיינע לידער. זייער אויפטו און זייער פאַרדינסט איז נישט אין אָנשטרענג פּינקטלעך אָפּצושאַצן דעם אָדער יענעם דיכטער און דערציילער — ווי אין אַרויסזאָגן אינטערעסאַנטע, אָנרעגנדיקע געדאַנקען, מיינונגען און אָפּשאַצונגען וועגן ליטעראַטור־פּראָבלעמען בכלל. גלאַטשטיין קאָן אַמאָל יאָ אָדער נישט זיין גערעכט אין זיין באַנעם און צוגאַנג צו אַ ספּעציפישן שרייבער — אָבער אָפּגעזען פון דעם — איז דאָס וואָס ער האָט צו זאָגן און זאָגט וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטור־פּראָבלעמען — אַלעמאָל שעפעריש, אינטערעסאַנט און ס'האָט אַ נאָענטע און אָנרעגנדיקע שייכות מיט ליטעראַטור און ליטעראַטור־פּראָבלעמען. די מערסטע פון זיינע קריטישע עסייען זיינען זעלבסט־באַרעכטיקט, ווייל זיי לעבן נישט בלויז אין זכות פון די ווערק און די קינסטלער וועגן וועלכע ער שרייבט. אויך אין דעם זשאַנער איז אָפּטמאָל אַ זייטיקע באַמערקונג וויכטיקער ביי גלאַט־

# ג ע צ ע ל ט ן

שטיינען ווי די צענטראַלע אידייע — פון שאַצן און אָפּשאַצן. און וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס זיינע עסייען זיינען זייער אָפּט דער שליסל צו זיין אייגענער קאָמפּליצירטער און מייסטערהאַפטער פּאָעזיע.

גלאַטשטיינס דיכטונג צייכנט זיך אויס, ווי ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, מיט מייסטערשאַפט פון שפּראַך און מיט מוזיקאַלישער ווירטואָזיטעט. אַז מען לייענט פּאָרזיכטיק זיינע עסייען, זעט מען קלאָר ווי טרעפלעך ער באַנוצט זיך (אָפּטמאָל אויסשליסלעך) מיט אָט־די צוויי מאָסן וואָס זיינען זיכער פון ערשטער וויכטיקייט אין אַלע וואָרט־קונסטן. שרייבער וואָס באַזיצן נישט אָט־די צוויי קוואַליפיקאַציעס — קאָנען אפשר אַמאָל פאַרגיטיקן מיט אַנדערע מעלות — אָבער גלאַטשטיינען וועלן אַזעלכע קינסטלער קיינמאָל ניט ווערן אייגן און נאָענט.

ווען ער שרייבט וועגן י. ל. פּרצעס אַ ווערק און סע געפעלט אים, באַמערקט ער באַלד: „... פּרץ האָט געזוכט אַריינצוגיסן דעם תוך פון אַ נגינהדיקער יידישקייט — אַ מעלאָדיע פון יידישקייט, וואָס זאָל זיך קאָנען זינגען פון זיך אַליין, אַפילו אָן ליפּן און אָן ווערטער.״

ווען ער שרייבט וועגן אברהם רייזענס לידער און זיי געפעלן אים, באַמערקט ער באַלד: „... די שפּאָרזאַמע ווערטער רייזענס האָבן דאָ אַן אייגנאַרטיקע קראַפט און זיי פאַרמאָגן אַ טאָפּלטע זינגעוודיקייט: פון געדאַנק . . . פון פאַרנאַכטיקער מוזיק.״ און וועגן רייזענס דערציילונג „דער בוים״: „ביי רייזענען איז די קורצע דערציילונג אַ שטיק קאַמער־מוזיק.״

און געפעלט אים נישט אַ שרייבער, ווענדט ער אָן צו אים דיזעלביקע קריטיק־מאָסן, נאָר אויף פאַרקערט: „ער האָט יידנשאַפטלעך ליב געהאַט יידיש״, שרייבט ער וועגן אַזאַ איינעם, „נאָר ער האָט נישט געצערטלט דאָס באַזונדער וואָרט״.

סע וואָלט געווען זייער לייכט צו ברענגען אָן אַ צאָל ענלעכע ציטאַטן פון גלאַטשטיינס עסייען, כדי צו אילוסטרירן מיט וועלכע קריטישע מאָסן ער אָפּערירט ביים שאַצן קריטיש דיכטער, דערציילער און נאָוועליסטן. זעלטן שטעלט ער זיך אָפּ לאַנג און אַנאַליזירט אין דעטאַל אַ קינסטלערס טעמאַטיק. ווייל אַ קינסטלערס טעמע — זיין דערפאַרונג, איבערלעבונג, שטימונג און רעגונג — איז פאַר אים אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. וואָס אים רעגט איז די מיסטעריע, ווי אַזוי אַ טעמע ווערט באַצויגן מיט הויט און ביינער פון די פּאַסיקסטע ווערטער; ווי אַזוי ס׳ווערט אין דער טעמע אַריינגעבלאָזן אַ לעבעדיקער, קינסטלערישער אָטעם דורך ווערטער און צוזאַמענשפּיל פון ווערטער. און דער עיקר — ווייל גלאַטשטיין אַליין איז, ווי פריער געזאָגט, נישט קיין דיכטער פון טעמעס. ער נויטיקט זיך נישט אין דער דיסציפּלין פון טעמעס. אַ טעמע איז ביי אים אַ נעבנזאַך, אַ קאַנווי[illegible]פאַר ווייט־גייענדיקע

# ג ע צ ע ל ט ן

אַליוזיעס, אַסאָציאַציעס און ריטמישע קאָמפּאָזיציעס — אין וועלכע די הויפּט־טעמע קניפּט זיך און בינדט זיך מיט נאָך אַ זייטיקער טעמע, און די זייטיקע טעמע מיט נאָך אַ זייטיקער טעמע, ביז אַלע טעמעס ווערן איין געוועב, און זיי זיינען אַלע גלייך וויכטיק און אַלע גלייך גע־וויכטיק.

8

דורך אַלע יאָרן פון יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער אַנטוויקלונג — לאָזט ער בלויז איין מאָל אויף זיך אַרויפצווינגען אַ טעמע; אָדער, בעסער געזאָגט, בלויז איין מאָל נעמט ער אויף זיך דעם חוב צו זינגען אין ליד נאָך ליד — קינות.

דאָס פּאַסירט באַלד, ווען היטלערס בלוטיקער שאָטן נעמט שטייגן אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווען די לופט הויבט אָן ווערן געדיכט מיט די שטיקנדיקע גאַזן פון די אַלץ נענטער־קומענדיקע אומגעהייערע קאַטאַסטראָפעס פון אונדזער טראַגישער עראַ; און ווען דאָס גאַנצע דורות־אַלטע יידישע לעבן פון יענער זייט ים שטייט פּנים־אל־פּנים פאַר דעם פינצטערסטן שאול־תחתיה.

מען דאַרף געדענקען, אַז ריין־פּאַרמעל האָט גלאַטשטיינס ליד, ווי אויך די לידער פון די אַנדערע וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער אינטראָ־ספּעקטיווער ריכטונג — שוין פאַר דעם — אָנגעהויבן דורצומאַכן פאַרמעלע ענדערונגען. דער קאַמף פאַר דעם פרייען פערז (ווער ליבר) איז שוין פון לאַנג געווען אַ געוואונענער. נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון זיינען ווידער געוואָרן לעגיטים אין דער יידישער פּאָעזיע, און אויך די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג ווי פריער די ריכטונג פון די „יונגע", האָט שוין ביסלעכווייז אַליין אָנגעהויבן באַדראָעט צו ווערן פון די אייגע־נע דערגרייכונגען. ווי אַן אָרגאַניזירטע ריכטונג — צעפאַלט זיך די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג, און יעדער איינער פון די פאַרשטייער גייט זיך איצט ווייטער זיין אייגענעם דיכטערישן גאַנג. און ס'איז גוט אַזוי. ווייל „פּאָעזיע לעבט מיט ענדערונג", זאָגט ריכטיק דער ענגלישער קריטיקער ס. מ. באַוראַ, אין זיין בוך „די ירושה פון סימבאָליזם", אין וועלכן ער אַנאַליזירט די לידער פון פּאָל וואַלערי, ראַינער מאַריאַ רילקע, סטעפאַן געאָרגע, אַלעקסאַנדער בלאָק און וויליאַם באַטלער יעיטס. דער קריטיקער גיט נאָך צו צו דער פריערדיקער באַמערקונג דאָס פאָלגנדיקע: „אַזוי שנעל ווי אַ סטיל דערגרייכט שלימות, מוז ער באַזייטיקט ווערן; ווייל ס'איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס איז אַזוי ווייניק ענלעך אויף אַ גרויסן סטיל, ווי אימיטאַציע."

סיי די פאַרשטייער פון די „יונגע", סיי די פאַרשטייער פון די „אינזיכיסטן" זיינען, ווייזט אויס, אומאָפּהענגיק געקומען צו דיזעלביקע שלוסן.

# געצעלטן

דער דיכטער ראובן אײזלאַנד, אַ װיכטיקער פאָרשטײער פון דער גרופע „יונגע", גיט איבער אין אַן אינטערעסאַנט בלעטל זכרונות, אַז „מיט די ׳יונגע׳ איז געקומען די ערשטע „שולע" אין דער יידישער ליטעראַטור . . . די ׳יונגע׳ האָבן געזוכט אויסצומײדן אַלע טעמעס, בײ װעלכע עס איז לײכט צו װערן מליצהדיק און דעקלאַמאַטאָריש . . . דאָס האָט געפירט צו דערגרײכונגען, צו פסיכאָלאָגישע דערקענטענישן און צו אַלערלײ פײנע ניואַנסן. דאָס האָט אָבער אויך דערפירט צו טעמפּע װינקלען . . . יעדער דיכטער װאָס האָט נאָר די מינדסטע זעלבסט־קריטיק װײסט, פריער פון יעדן אײנעם, זײנע שװאַכקײטן . . . פאַראַן אָבער צײטן, װען ער מאַכט זיך נישט װיסנדיק װעגן זײ . . . אַ רפואה צו דער מכה האָבן געבראַכט די ׳אינזיכיסטן׳. די פירער פון דערדאָזיקער נײער ׳שולע׳ האָבן, װי מיר פאַר זײ, פריער פון אַלץ דערזען אונדזערע שװאַכקײטן און אונדז אָנגעהױבן צו טרײבערן די אָדערן. זײ זײנען געקומען אָנפילן די בלויזן, װאָס מיר האָבן אויסגעלאָזן." („איך זע פאַר זיך אַ בילד מיט דרײסיק יאָר צוריק", „טאָג", נאָװ., 7, 1944)

און װעגן זײן אײגענער אינטראָספּעקטיװער ריכטונג האָט שוין אַמאָל גלאַטשטײן געלאָזט פאַלן דאָס פאָלגנדיקע: „... די אינזיכיסטן װאָס האָבן געבראַכט דעם פרײען פערז אין דער יידישער פּאָעזיע האָבן אויך מיטגעבראַכט די טריאומפן און דורכפאַלן פון דעם נײעם דיכטערישן געװער."

אײזלאַנד גיט צו, אין דער פריער־דערמאָנטער עסײ, אַז די „יונגע" האָבן צוליב באַשטימטע סיבות געװײכט פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער טעמאַטיק, און „אַז ס׳האָבן געדאַרפט פאַרבײגײן יאָרן ביז מיר האָבן געקאָנט מאַכן אַ רעװיזיע אויך אין דעם פּרט, און ערשט מיטן קאַטאַקליזם, װאָס היטלער האָט געבראַכט אויף דער גאַנצער װעלט, און מער פון אַלץ אויף אונדז יידן, האָבן מיר, אַמאָליקע ׳יונגע׳, אויף דער עלטער טיף דערפילט דאָס גרויסע פאָלק־אומגליק און װעלט־אומגליק װי אַן אינערלעך, פערזענלעך אומגליק, אַז מיר זאָלן עס קאָנען אַרויסשרײען אין פערזן."

אָבער פון דעם איז לײכט זיך פאָרצושטעלן, אַז די יעניקע דיכטער װאָס האָבן קײנמאָל נישט געװײכט פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, און דערפאַר נישט באַדאַרפט כשרן די פריערדיקע „טאַבוס", אַז דידאָזיקע דיכטער זײנען דערפאַר געװען די ערשטע—װײל פסיכיש און „אינערלעך" בעסער צוגעגרײט—„אַרויסצושרײען אין פערזן" דעם פחד און דעם װײטיק קעגן „דעם קאַטאַקליזם װאָס היטלער האָט געבראַכט אויף דער גאַנצער װעלט, און מער פון אַלץ אויף אונדז יידן."

# ג ע צ ע ל ט ן

## 9.

אין די דרייסיקער יאָרן הייבט זיך אָן צו מערקן אַ ריין־פאָרמעלע ענדערונג אין גלאַטשטיינס דיכטונג. פאָרמעל, ווערט ביסלעכוויז דער גראַם אַלץ מער און מער אָן אָפּטער גאַסט אין זיינע לידער וואָס זיינען, ביז די יאָרן, אַלעמאָל געווען געשריבן אויסשליסלעך אין פרייען פערז. דער ערשטער קלאָרערביישפּיל פון דער ענדערונג איז זיין ליד „פאַר־טריפטער לייכטער״ וואָס איז פריער געווען געדרוקט און נאָכדעם אַריין אין זיין בוך „יידישטייטשן״, 1937. אין דעם ליד באַנוצט זיך שוין גלאַטשטיין אָפּן (און אָן איראָניע) מיטן גראַם, מיט געמאָסטענעם מעטר און מיט אַ גוט־באַקאַנטער טראַדיציאָנעלער טעמע אין דער יידישער פּאָעזיע: אַ שבת פאַרנאַכט אין דער אַלטער היים. שפּעטער באַנוצט ער זיך שוין אַלץ מער און מער מיט דער פאָרם. און אַפילו זיינע פרייע פערזן - לידער ווערן אַלץ מער און מער באַשפּרענקלט מיט מיטלע און דאָ און דאָרט מיט צופעליקע סוף־שורה גראַמען.

אין דעם ליד „פאַרטריפטער לייכטער״ גייט אויך אין דער נייער פאָרם גאָרנישט פאַרלאָרן (צוליב גראַם און געמאָסטענעם מעטער) פון גלאַטשטיינס פריערדיקער עקספּערימענטאַלקייט. דאָס קורצע ליד איז אַ פיליגראַן מאָזאַאיקע, מייסטערהאַפט אויסגעשניצט און באַזעצט מיט איידל־שטיינער פון טראַדיציאָנעלע יידישע אַליוזיעס, וואָס גייען אויף און לויכטן אויף מיט נייע מיינען און נייע חנען. ער רירט זיך צו צו אַזאַ אַלטער אויסגעדראָשענער טעמע — און דער לייענער האָט דעם איינדרוק, ווי ער טרעפט אָן די טעמע צום ערשטן מאָל אין דער יידישער פּאָעזיע.

די ערשטע פיר שורות פון ליד לייענען זיך אַזוי:

דרובס און אויבס און שאַלעשידעס
דרוכן פענצטער רייט אַ שטערן
דער אָפּגעריסענער אורח שבת־קודש
וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.

דורך די יאָרן שרייבט ער אויך אָן זיין באַרימט געוואָרענע פּאָעמע „יאָסל לאָקש פון כעלעם״, וואָס גייט אויך אַריין אין דעמזעלבן בוך לידער. די פּאָעמע איז אַ כאָראַל געזאַנג, אין מאָנאָלאָגן, וואו עס לייגן פאָר זייערע טענות יאָסל לאָקש, דער כעלעמער קהל און יאָסל לאָקשס ווייב. און פון די אַלע קלאָרע און גערעכטע טענות וואַקסט ערשט אָן אַ קנויל פלאָנטערן און צעטומלעניש. אין דעם פלאָנטער־קנויל ווערן אויסגעמישט אַלע יוצרות. עס ווערן גלייכצייטיק אַריינגעוועבט אין אים אי די קדושה אי די טומאָה. אויף יאָסל לאָקשן האָגלען די טענות פון קהל, און די טענות פון זיין ווייב וואָס קהל האָט אים באַשערט. די טענות פאַראַליזירן אינגאַנצן דעם כולו־אמת־זוכנדיקן יאָסל לאָקש, און

# ג ע צ ע ל ט ן

מאַכן אים אינגאַנצן אומפּייאיק צו נעמען קאָנקרעטע שריט, און פון ווערן אַ צד אין דער אויף־טויט־און־לעבן מחלוקה. אַ הילפלאָזער וואַקלט זיך יאָסל לאָקש ווי שעקספּירס האַמלעט פאַר דער דילעמע פון „זיין און נישט זיין", און זיין איינציקע רעטונג איז, וואָס די נאַכט פאַלט צו, ווי אַלעמאָל, מיט „שטיקלעך גאָלד און שטיקלעך פייער", וואָס אַרום איז שטיל „מיט דער שטילקייט פון וואונדער" און יאָסל לאָקש קאָן זיך כאָטש גוט אויסוויינען:

אַ מחיה קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט,<br>
נאָר גאָט אַליין הערט ווי אַ מאַנסביל האָט זיך צעבעטשעט.<br>
דער כעלעמער רב וויינט. ער העשעט.

דער יידישער טראָפּ און דער יידישער אַקצענט, אין אַ גרויסער צאָל פריערדיקע לידער גלאַטשטיינס, איז ניט אַלעמאָל ביז איצט באַמערקט געוואָרן פון דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. ווייל יעקב גלאַטשטיינס יידישע לידער זיינען נישט געקומען געקליידט און גרימירט (ווי מען איז צוגעוואוינט און ווי מען דערוואַרט) אין די סאַמע דערוואַרטעסטע גאַרדעראָבעס. אָפטמאָל האָט אָט די לידער געפעלט די גוט־באַקאַנטע (צוגעקלעפּטע) באָרד־און־פּיאות. די פאַפירענע טעאַטער יאַרמעלקעס. און חוץ דעם אַלעמען האָט זיך גלאַטשטיין אין יענע יאָרן— פון צייט־צו־צייט — דערלויבט הילכיק אַ פייף צו טאָן אין פּנים אַריין אונדזער אַלץ־וויסנדיקער און צופרידענער עפנטלעכקייט.

אָבער וואָס נענטער היטלערס בלוטיקער שאָטן רוקט זיך אָן אויף אונדז, אַלץ מער און מער ווערט גלאַטשטיין — צום ערשטן מאָל — דורך אַלע יאָרן פון זיין שעפערישער אַנטוויקלונג אַ פּאָעט פון איין־און־איינציקער טעמע: פון חורבן, פון יידישן חורבן. דער שאַרפסטער אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע ווי אויך דער שאַרפער אָנזאָג וואָס פאַר אַ ווענדונג גלאַטשטיינס דיכטונג נעמט איצט אָן, איז זיין ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט" וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין אַפּריל, 1938, און וואָס איז אַריין אין זיין בוך „געדענקלידער", 1943. צענדליקער און צענדליקער אַרטיקלען האָט דאָסדאָזיקע ליד אַרויסגערופן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. עס איז דיסקוטירט געוואָרן—אָפּגעזען פון דיכטערישן ווערט—צי איז דאָס אָננעמבאַר אַלס אַ פּראָגראַם פון אַ נייער יידישער אָריענטאַציע אין דער וועלט. אמת, עס איז מער גערעדט געוואָרן אַרום דעם ליד פון שטאַנדפּונקט פון ישראלס דרך בין הגויים, ווי פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. זעלטן ווען אַז אַ ליד קריגט אַזאַ אויפנאַמע. און וואָס די סיבה דערפאַר זאָל נישט געווען זיין, איינס איז זיכער, אַז דאָס ליד האָט אָנגערירט און אויסגעדריקט אַן אָנגעווייטאָקטע פּראָבלעם — וואָס האָט אַלעמען געמאַטערט, און דערפאַר האָט דאָס ליד באַלד געגעבן יעדן איינעם אַ געלעגנהייט אַראָפּצורעדן זיך פון

# געצעלטן

הארצן. זיין מוטיקער קלאפּ אין טיש און שטאָלצער שפּיי אין פּנים דער וועלט איז אויך געווען פאַר גלאַטשטיינען אַליין אַ המצאה אויף אויס־צולאָדן פון זיך די אָנגעזאַמלטע שרעקן, די אָנגעזאַמלטע ביטערניש און פאַרדראָסן:

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.

— — — — — — — — — — — — — —

איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

דער דיכטער מאַכט אַ סך־הכל און פירט אונטער אַ גרויזאַמען חשבון אַצינד מיט דער וועלט, און פונקט ווי דער גרויסער פאַרשטאָר־בענער דיכטער משה לייב האַלפּערן האָט דורך די פאַגראָמען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטערגעפירט אַ חשבון מיט זיך און מיט וועלט אין זיין פאָעמע „אַ נאַכט“, וואָס ענדיקט זיך טאַקע מיט דער לעצטער שורה „איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען“, אַזוי טוט דאָס אויך איצט יעקב גלאַטשטיין אין ליד נאָך ליד, און ס׳איז נישט קיין וואונדער וואָס גלאַטשטיינס אַ געוויין־ליד פון די יאָרן הייסט טאַקע ביים נאָמען: „דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען“, און גייט אויס מיט דער פינאַלע:

אַזאַ עשירות פון מצבות
האָב איך קיינמאָל נישט געזען.
טאָג און נאַכט וועל איך יאָמערן די נעמען.
דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען.

זיין ליד נאָך ליד ווערט אַ יזכור־געוויין נאָך די מיליאָנען הייליקע יידישע קרבנות, און דאָס וואָס ער דערזאָגט נישט און דערזינגט נישט אין זיינע לידער אַצינד, זאָגט ער אַרויס אויף אַ וויניקער אַרטיקולירטן אופן אין זיינע אַרטיקלען און עסייען — וואָס טראָגן אַצינד אַלע דעם חותם פון זיין איין־און־איינציקער טעמע — דעם חותם פון דעם גרויסן יידישן בראָך און אומגליק: „יידישע צייטונגען“, שרייבט ער אין ׳מאָרגן־זשורנאַל׳, „האָבן געהאַלטן אין איין שרייען צו דער וועלט וועגן גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס און וועגן מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן, אָבער די וועלט האָט זיך געמאַכט טויב און אונדז נישט געוואָלט הערן“. ס׳האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן אַצינד די אַמאָליקע קינסטלערישע פאַר־שייטקייט, און ער אַליין דערציילט אונדז אין אַ ליד פאַרוואָס דאָס איז אַזוי: „מיר דאַכט זיך ס׳וואָלט געווען אַ חוצפּה און פאַרשייט, צו זיין יונג אין אַזאַ מכשפהדיקער צייט.“

# געצעלטן

אין קינה נאָך קינה טוט ער איצט באַוויינען און דערמאָנען — (אַזוי הייסט טאַקע ביי אים אַן אָפּטיילונג, אין זיין נייעסטן בוך לידער „שטראַלנדיקע יידן": „כ׳טו דערמאָנען") — די מיליאָנען יידישע קרבנות און די גרויסע יידישע גייסטיקע אוצרות אָנגעזאַמלט און אויפ־געהיט פאַר דורות און דורות, וואָס דער שונא האָט איצט אַוועקגעלאָזט מיט פייער און רויך פון קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן. ער טוט זיי דערמאָנען אין זיין ליד „יזכור" און אין צענדליקער אַנדערע לידער, און פּרובירט אויך וועקן ביי זיך און ביי אַנדערע סובלימירטע האָפענונג, אַז ס׳קען רשעות נישט אייביק זיצן אין זאָטל:

לאָמיר זיי פאַרשרייבן, ברידער,
אין אַ נייעם מחזור, אַ נייעם סידור.
אונדזער גאַנץ מאַרטירער־לעבן אַנטקעגן זיי ווערט בטל.
ס׳קען רשעות לאַנג נישט זיצן אין זאָטל.
ווייל זייער געדעכעניש יאָמערט אויף אַלע וועגן.

(„יזכור" פון בוך „שטראַלנדיקע יידן", 1946.)

10.

גלאַטשטיינס לידער פון זיין איינציקער טעמע דורך די לעצטע קאַשמאַרישע יאָרן, ווי די לידער אויף דערזעלביקער טעמע פון אַ צאָל אַנדערע גרויסע יידישע פּאָעטן, וועלן בלייבן לדורות „געדענקלידער" פון אונדזער קאַטאַסטראָפאַלער עפּאָכע; סובלימירטע דאָקומענטן פּאָעז־יע פון יידישן בראָך און אומגליק. גלאַטשטיין טוט דערמאָנען אין ליד נאָך ליד דעם גרויסן יידישן בראָך, די מיליאָנען פאַרברענטע נפשות: אַנשים, נשים וטף, און ער זינגט שבח נאָך שבח צו זיין געבורט־שטאָט לובלין וואָס איז פאַר אים אַצינד, מיט פאַרקוילטע קופּעס אַש און שטויב, הייליק. ער זינגט אין אַ ליד:

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.

און „לובלין מיין הייליקע שטאָט" איז דאָס שלוס־ליד און אַפּאָטעאָז פון זיין נייעסטן בוך „שטראַלנדיקע יידן".

און צווישן די גרויסע אַבידות און אומשאַצבאַרע פאַרלוסטן, וואָס מיר האָבן געליטן, ווערט ער נישט מיד צו זינגען ליבע־געזאַנגען צו „אונדזער ציכטיק לשון" וואָס אונדזערע זיידעס האָבן —

פאַרוואַנדלט דיין פּרעס־און־זויף דייטש
אין יידישטייטש.

— — — — — — — — — —

זיי האָבן אים געצערט און געצערטלט,

— — — — — — — — — — — —